STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02050

AL NAHAROT BAVEL

Joseph Latteiner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל

№ 12.

ביבלישעס מוזיקדראמא אין 4 אקטען
זאמט עפילאג

פאן

י. לאַטיינער.

AMKRAUT & FREUND
Buchhandlung
PRZEMYŚL
1909.

S. L. Deutscher, Podgórze. Telef. 934.

נייעסטער

טהעאטער־קאטאלאג

פון אמקרויט עט פריינד, פשעמישל.

	K	h
יעקב גארדין׳ס דראמען.		
דער אמת	—	70
דער מטורף	—	70
שעהנע מרים	—	70
די שחיטה	—	70
גאט, מענש אונד טייפעל	—	70
חאשע די יתומה	—	70
מירעלע אפרת	—	80
ווילדער מענש	—	70
דבורהלע מיוחסת	—	70
יודישער קעניג ליער	—	70
קרייצער סאנאטע	—	70
געבריידער לוריע	—	70
סאפהא	—	70
אלישע בן אבויה	—	70
דער אונבעקאנטער	—	70
יאזעף לאטיינער׳ס ווערקע.		
יודעלע אדער אמת		
יששכר	—	70
עזרא דער עוויגער		
יודע	—	70
די סדר נאכט	—	70
דוד׳ס פידעלע	—	60
בלימעלע	—	60
חרבן ירושלים	—	70
חינקע פינקע	—	70
שרה שיינדעל	—	70
מאמאן דער געלדנאפט	—	60

	K	h
שלמה גארגעל	—	70
פריץ הירשביין׳ס דראמען.		
אינטעליגענט	—	70
איינזאמע וועלטען	—	70
דער תקיעת כף	—	70
רעמערונג	—	50
די נבלה	—	40
די ערד	—	70
ווייטע און נאנטע	—	35
קברים בלומען	—	60
פערשיעדענע.		
אננא קארענינא	—	70
אוריאל אקאסטא, לערנער	—	60
אבאלע אשבנזי	—	70
אידישער פריץ שמ״ר	—	50
אייזיק שעפטיל, פינסקי	—	80
אייבינער יוד, הייערמאן	—	20
אלגעמיינער שטרייק שטיפט	—	50
ארבייט און קאפיטאל	—	60
איטשה מאיר צו די וואהלען	—	20
אייביגע ליעד, ארנשטיין	—	40
בר כוכבא, גאלדפאדען	—	60
באבע מיט דעם איניקעל	—	60
בן הדור, הארוויטץ	—	70
בית דוד, ״	—	60
בוסתנאי, אויערבאך	—	60
באנאכט אויפ׳ן אלטען מארק, י. ל. פרץ	1	—
בת ירושלים	—	60

על נהרות בבל

ביבלישעס מוזיקדראמא אין 4 אקטען זאמט עפילאג.

פון

י. לאטיינער.

פערלאג פון

אמקרויט עט פריינד, בוכהאנדלונג, פשעמישל.

1909

АЛЬ НАГАРОТЪ БАБЕЛЬ.

Издательство Амкравта и Фрейнда въ Перемишлю (Австрія).

Типографія С. Л. Дейтшера, Подгурже-Краковъ.

פערזאנען:

דניאל איש חמודות.

זרובבל, איין ענקעל פון יכניה מלך יהודה.

אליקים, איין שמש ביי דניאל.

יהודית, זיין טאכטער.

זמרי, א יודישער רענעגאט.

פאלמירא, זיין טאכטער.

בן כספי, א רייכער יוד אין באבילאן.

דוד, זיין זוהן.

בלשצר, קעניג פון באבילאן.

אפעטעם, איין הויפטמאן.

קוליאן, איין פריסטער.

דלילה, פאווארימין דעם קעניגס.

ארט דער האנדלונג באבילאן, אין דעם 70-טען יאהר נאך חרבן בית ראשון.

עֶרְשְׁטֶער אַקְט.

(אַ שעהן רייך פֿערציערטער זאַאל ביי דניאל, אויף דער וואַנד, איבער דער מיטעלטהיר אים הינטערגרונד איז מיט גרויסע בוכשטאבען אויפגעשריעבען „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני”. — געדעקטער טיש בעלייכטעט, מיט פֿריכטע. — געסט, דניאלס צעגלינגע, אויבען אָן זיצט דניאל, צו זיינער רעכטען זרבבל, לינקס עזרא הסופר, יהושיע בן יהוצדק כהן גדול.

אליקים: לְחַיִים אוּנְזֶער גַאסְטְגֶעבֶּער, מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ דָנִיאֵל! שְׁרַייט קִינְדֶערְלֶעךְ מִיט חֵשֶׁק, יְחִי הַמִּשְׁנֶה לְמֶלֶךְ דָנִיאֵל:

אלע: יְחִי הַמִּשְׁנֶה לְמֶלֶךְ דָנִיאֵל.

(מוזיק טוש).

אליקים: לְחַיִים דֶעם צְוַוייגֶעלֶע פוּן מַלְכוּת בֵּית דָוִד, דָאס אֵיינִיקֶעל פוּן יְכָנְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה זְרֻבָּבֶל בֶּן שְׁאַלְתִּיאֵל! שְׁרַייט קִינְדֶערְלֶעךְ מִיט פִּיסְקֶעס יְחִי הַבֶּן מֶלֶךְ זְרֻבָּבֶל!

אלע: יְחִי הַבֶּן מֶלֶךְ זְרֻבָּבֶל!

(מוזיק טוש).

אליקים: אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן חָבִיב! לְחַיִים כָּל יִשְׂרָאֵל, לְחַיִים!

זמרי: (אין א מאנטעל געהילט, בעז צו אליקים), וֶועט עֶס דֶען גָאר קֵיין עֶנְדֶע נִישְׁט נֶעהְמֶען? לְחַיִים און לְחַיִים און ווִידֶער לְחַיִים, צוּם טֵייפֶעל, עֶס מַאכְט דָאךְ אֵיינֶעם נֶערְוֶועז.

אליקים: (קוקט איהם אין פנים) וֶוער אִיז דֶער לֵץ? זַיין צוּרָה אִיז מִיר גַאנְץ פְרֶעמְד, מִיר דַאכְט זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט דָא אֵיין אָהנְגֶעבֶּעטֶענֶער גַאסְט?

זמרי: (שטויסט איהם אוועק פון זיך) גֶעה צוּ דִי הֶעלֶע!

אליקים: אט א דעם בעכער וויין הייב איך אויף און שריי בקול רם לחיים יודען! היינט איז דניאלס געבורטסטאג, און דער טאג איז ביי אונז א יום טוב! (צו זמרי) און פון מיינעטוועגען מעגסטו זיין נערוועז, און אפילו משוגע ווערען וועל איך נישט אויפהערען צו שרייען לחיים יודען! אז וואהל איז צו מיין נשמה וואס איך לעב אין איין דור מיט אזא גרויסען דניאל, מיט אזא צדיק ווי דניאל, מיט אזא חכם ווי דניאל, און לחיים יודען, (טרינקט) לחיים!

אלע: לחיים, לחיים!

זרובבל: (וועלכער האט וועהרענד אביגער סצענע שטיל געשפראכען מיט דניאל און מיט די אנדערע, גיט א זיפץ) יא, יא, אזוי איז עס! „ויקם מלך חדש", גראדע ווי אין מצרים האט דער נייער קעניג פרעה נישט געוואלט וויסען און געדענקען וואס דער געוועזענער ווייצע קעניג יוסף האט פאר זיין לאנד געטהון, אזוי אויך דא אין באבילאן! ווי איז געווארען פריהער דניאלס געבורטסטאג געפייערט, ווען נבוכדנצר האט נאך געלעבט? און דניאל איז געוועזן זיינע רעכטע האנד! יעצט אבער זייט דער יעצטיגע קעניג בלשצר האט דעם טראהן בעשטיעגען איז דניאל פערגעסען, און ווער ווייסט וואס אונזער אונגליקליך פאלק דארף נאך פון אזוי א קעניג ערווארטען?

דניאל: זרבבל! נישט נור איינמאל האבען מיר פון דעם געשפראכען, און איך האב עס דיר דייטליך בעוויזען אז אונזערע איינציגע ישועה בעשטעהט נור אין דעם איינעםווארט „ציון".

זרובבל: (בעגייסטערט איבערשרייענד) יא ציון, דו ויסע היילינע היימאטה! ווי וואלט איך געקישט יעדעם קערינדיל זאמד פון דיין היילינע ערד וואו מיינע עלטערן שלאפען! אה, מיין שוואכעס קראנקעס פאלק! ווען ווילסטו אויפמאכען דיינע פעסטגעשלאסענע אויגען, מיין פערטריעבען פאלק? ווען וועסטו ווידער שטעהן אויף פעסטע פיס אויף דיין איינענער ערד? אה ווען? אה ווען?

זמרי: ניעמאלס!

אלע: (ערשטוינט) אה?!

אליקים: (לויפט צו צו איהם) ווער איז דער לץ? פון אנהייב אן איז ער מיר נישט געפעלען.

זמרי: אין ציון פערגעסט! דאס לאנד איז נישט מעהר אייערס און קען אויך ניעמאלס אייערס ווערען. אבער ווער זאגט דען דאס יודען מוזען איין אייגען לאנד בעזיטצען? קענט איהר דען נישט האבען אייער ארץ ישראל דא אין באבילאן? יא עס איז וואהר! די כלדעער האסען די יודען אבער ווער איז דען שולדיג אין דעם? ווער איז דען שולדיג אין אלע צרות וואס יודען ליידען איבעראל? ווער? ווען נישט די יודען זעלבסט?

אליקים: (וויטהענד) פארשטאפ דיר דיין פיסק מיט א הייס שטיק אייזען.

זמרי: (נישט אכטענד רעדט וויטער) יא זאג איך, איהר אליין זענט אין אלעם שולדיג, פארוואס לעבט איהר אבגעזונדערט פון אלע אנדערע מענשען? פראביערט און פערמענגט אייך מיט די פעלקער אונטער וועלכע איהר לעבט, עסט אלעם וואס זיי עסען, דייערע ימים טובים זאלען אויך די אייערע זיין, זייט אייך מיט זיי משדך און...

זרובבל: (אונטערברעכענד) האלט איין! (צו אליקים) אליקים ווער איז דיעזער מאן? א יוד? אדער א כלדעער?

אליקים: איך זאל אזוי וויסען פון איהם!

זמרי: איין יהודי בין איך, איין געבארענער יהודי אזוי ווי איהר אלע, אבער נישט אזוי פערפיהרט און פאנאטיש.

אליקים: ימח שמו׳ניק, ווער ביזטו? (וויל איהם אנגרייפען, זמרי שטויסט איהם אוועק)

דניאל: (ווינקט צו אלקים אוועקצוגעהן) איין יהודי ביזטו? דו גיבסט אונז איין ראטה מיר זאלען זיך אויסמישען מיט די געטצענדיענער, מיט די היידען? אז אונזערע קינדער זאלען שפעטער נישט וויסען ווער עס שטאמט פון יעקב און ווער פון עשו? און דו זאגסט אז דו ביזט איין יהודי?

זמרי: איבריגענס געהט אייך קיין ארץ ישראל אויב איהר קענט. חה חה חה פלענע צו מאכען ביי דעם בעכער וויין איז זעהר לייכט, אבער אזעלכע פלענער אויסצופיהרען חה חה חה דאס איז איין אנדערע זאך.

זרובבל: דאס מיר וועלען שוועריגקייטען האבען דאס ווייסען מיר ועהר גוט, אבער לאסט זיך דען איין מענש פון שוועריגקייטען אבשרעקען דארט וואו עס האנדעלט זיך אום זיין לעבען? אונזער לעבען אלס פאלק בעשטעהט נור אין אונזער לאנד, און אהן לאנד זענען מיר הפקר, ערגער אלס בהמות! איין אקס האט אויך א שטאל, יעדע בהמה האט איהרען בעשטענדיגען רוהעפלאטץ, נור מיר זענען נע ונד אין דער פרעמד ווי בעטלער (בעגייסטערט) אויף מיין פאלק! אום דיעזען היילינען שריט צו מאכען זאל דיר קיין אפפער צו שווער זיין, מיט פעסטען ווילען, מיט פערשטאנד און מיט ענערגיע, מוזען מיר און וועלען אויך אונזער היילינען צוועק ערדייכען!

ארע: אמן! אמן!

אליהים: (בעגייסטערט) אמן! אמן! אמן! און לחיים יודען! (צו זמרי) נישט פאר דיר געזאגט.

זמרי: נון אבער איז עס גענוג, פון דעם אלעם וואס איך האב דא היינט ערפאהרען איז עס מיר גענוג בעוויזען דאס איהר זענט רעבעלען, מורדים במלכות.

זרובבל: (אויסער זיך) ביזט דא אלזא נישט מעהר אלס א געמיינער שפיאן? איין פערראכטעטער מסור (פאקט איהם) ניין, ניין! דו געהסט קיין שריט פון דאנען ביז דו האסט מיר נישט געזאגט דיין נאמען און דיין שטאנד, ווער ביזטו?

זמרי: (ווארפט אראב די קאפוצע, דעמאסקירט זיך) דער אבערבעפעהלסהאבער פון קעניג בלשצר!

זרובבל: (אפארט ערציטערט) פאלמיראס פאטער!

ארע: (איינע ווילע ווי בעשטירצט).

דניאל: (קוקט איהם שארף אן) דיעזעם געזיכט... דו האסט פריהער געזאגט אז דו ביזט א געבוירענער יהודי?...

זמרי: הא הא הא הא, האט שוין דניאל פערגעסען זיין בעסטען תלמוד, וועלכען ער האט מיט איינינע צוואנציג יאהר צוריק געהאט?

דניאל: (ערקענט איהם) זמרי? דו ביזט עס? דו, וועלכער האסט נור

דערפאר אזוי גוט געלערנט אום צו וויסען ווי אלעם פערקעהרט צו טהון? דו מוזר להכעים.

זמרי: ערינערסט דו דיך מיט וועלכער שאנדע דו האסט מיך אוים דיין ישיבה ווי אויך אוים דער געמיינדע אויסגעשטויסען?

אליקים: (ערקענט איהם) דאס ביזטו, דו ימח שמו'ניק? געדענקסטו נאך די 39 מלקות וואס איך האב דיר אבגעצעהלט? ליעגען זיי דיר נאך אין טעם פון דעמאלט אן?

זמרי: (מיט ביטערן האס) אה קיינמאל אין מיין לעבען וועל איך יענעם טאג פערגעססען, געשווארען האב איך דאמאלס מיך אין אייך ווילדע פאנאטיקער אזוי נוקם צו זיין ווי איהר האט אייך אין מיר נוקם געוועזן און די צייט פון מיין נקמה איז ענדליך געקומען, נקמה, דאס קיין גאט וועט אייך נישט קענען העלפען, א משומד בין איך און ווי א משומד וועל איך אייך דיענען! (אב)

זרובבל: (אפארט, שמערצליך) און אזוי איינער מוז איהר פאטער זיין.

דניאל: (שמערצליך אויפשרייענד) „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו", דיינע פערדערבער און דיינע פערניכטער שטאמען אוים דיר (וויינט, לעגט די הענד צום געזיכט) מיין פאלק! (קוקט צום הימעל פערקלעהרט) דאך ניין! האט נישט מורא מיינע ברידער, דער טאג דער ערלעזונג איז נישט מעהר ווייט. יא איך זעה איהם יענעם גליקליכען טאג. „שאי סביב עיניך וראי כולם נקבצו באו לך", ערהעבע ציון דיינע אויגען און זעה דיינע קינדער, זיי קומען צו דיר פון ארבע פינות העולם, זיי פליהען צו דיר צוריק ווי פייגעלעך אין זייערע נעסטער, נור קליין וועט די צאהל זיין פון די אויסוואנדערער נאך דעם ארץ הקדושה, אבער אזוי ווי אין איין פלום איז ביים אנפאנג נור איינע קליינע אונבעדייטענ־דע קוועלע, און וואס ווייטער זי פליעסט ווערט זי אימער ברייטער אימער שטערקער, ביז זי ווערט צו איינעם רייסענדעם שטראם אויף וועלכען טויזענדע שיפען שפאצירען, אזוי וועט אויך מיין פאלק מיט דער צייט ווידער אויפבליהען און אימער וואקסען, ביז עם וועט ווידער ווי א מאהל איין שטארקע מעכטיגע נאציאן זיין!

אלע: הֵיילִיגֶער נָבִיא!

אליקים: און אַז דָנִיאֵל זָאגְט עֶס, אִיז עֶס אַזוֹי הֵיילִיג וִוי תּוֹרַת מֹשֶׁה. רבש״ע! לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלַיִם.

אלע: לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלַיִם!

פערוואנדלונג.

(א שטראסע).

דוד: (רופט פון דרויסען) יְהוּדִית! יְהוּדִית! (ערשיינט) דָא זֶעה אִיך דִי אוֹיךְ נִישְׁט, וואו הָאב אִיךְ דִי עֶרְגִיץ פֶערְלוֹירֶען?

יהודית: (רופט פון דרויסען) דָוִד! דָוִד׳ל!

דוד: (ערפרייט) יְהוּדִית, (לויפט ארויס און קומט צוזאמען אריין מיט איהר) מֵיין זִיעֶס יְהוּדִית׳ל! וִוי אַזוֹי בִּיזְטוּ מִיר אַזוֹי פְּלוּצְלִינְג פֶערְלוֹירֶען גֶעגַאנְגֶען?

יהודית: דֶער צוּזַאמֶענְלוֹיף דָארְט פוּן דֶעם פָאלְק הָאט אוּנְז בֵּיידֶע צֶעטְהֵיילְט און מִיר הָאבֶּען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן פֶערְלוֹירֶען פוּנְ׳ם אוֹיג.

דוד: אָבֶּער פַאר וָואס אִיז פְּלוּצְלִינְג גֶעוָוארֶען אַזַא צוּזַאמֶענְגֶעלוֹיף?

יהודית: הָאסְטוּ דֶען נִישְׁט גֶעזֶעהְן?

דוד: אִיךְ הָאבּ נוּר גֶעזֶעהְן אַז דוּ פֶעהְלְסְט מִיר, וַוייטֶער הָאט מִיךְ גָאר נִישְׁט גֶעקִימֶערְט.

יהודית: דֶער קֶענִיג בֵּלְשַׁאצַר הָאט דָארְט פַארְבֵּייפַאסִירְט, און וֵוייסְטוּ צוּ וֶועמֶען? צוּ זִמְרִי אִין זַיין פַּאלַאסְט!

דוד: צוּ וֶועמֶען? צוּ דֶעם שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל? צוּ דֶעם מְשׁוּמָד?

יהודית: יָא דָוִד׳ל, שְׁטֶעל דִיר פָאר וָואס פַאר אַ גְדוֹלָה אַזַא מְשׁוּמָד הָאט דֶערְלֶעבְּט אַז דֶער קֶענִיג קוּמְט צוּ אִיהם אַהֵיים אַ וִויזִיט מַאכֶען.

דוד: צוּזֶעצְט און צוּפִּיקֶעט זָאל עֶר וֶוערֶען, אַ גְלִיק פוּן אַ מְשׁוּמָד? נוּר יְהוּדִית׳ל וָואס גֶעהְט אוּנְז אָן דֶער קֶענִיג, צִי דֶער מְשׁוּמָד, זָאלֶען זֵיי

זיין בײדע די כפרה פאר דיין מינדסטען נאגעל! קישט איהר דעם פינגער און וויל זי אומארמען).

יהודית: (קוקט ארויס און ערשרעקט) אוי דודל, וועה נור דארט...

דוד: (קוקט) מיין פאטער און דיין פאטער.

יהודית: מיט וואס פאר א כעס בײדע טענה'ען אײנער צום אנדערן.

דוד: איבער וואס קען זיך מיין פאטער קריגען מיט דיין פאטער?

יהודית: איבער געשעפטען געווים נישט! דען דיין פאטער איז בן כספי, דער גרעסטער עושר פון דאנען, און מיין פאטער איז אליקים, דער גרעסטער קבצן פון דאנען, איבער וואסזשע דען קענען זיי זיך קריגען?

דוד: (קוקט) געווים נישט איבער עפּיס אנדערש ווי איבער פאליטיק.

יהודית: ווי הייסט?

דוד: איך מיין איבער די יעצטיגע פראגע פון ארץ ישראל.

יהודית: אפשר האסטו רעכט? דען ווי מען געהט און ווי מען שטעהט וועהט מען אלץ פארלעך, און רעדען נישט פון עפּיס אנדערש ווי נאר דערפון.

דוד: און די פראגע איז יעצט געווארען אזא הייסע פראגע, אזא ברענענדיגע אז צווישען א סך פארלעך וועגען שוין אויך געפלויגען פעטש.

יהודית: אוי וועה איז מיר דודל, וועה נור... איך האב מורא אז צווישען אונזערע פעטער וועלען אויך באלד פליהען פעטש, קום צו.

דוד: ניין ניין יהודית'ל, צווישען עלטערע מענשען דארפען מיר זיך נישט אריין מישען.

יהודית: אבער דודל, ווילסטו דען צולאזען אז אונזערע פעטער זאלען זיך פאטשען?

דוד: וואסזשע קענען מיר העלפען? לאזען זיי זיך פאטשען און מיר וועלען זיך קישען, קום (ציהט זי מיט זיך אב).

(אויפטריט אליקים, בן כספי (א פעטען קארג).

אליקים: כל ישראל.

בן כספי: משוגע זענט איהר אלע און א שגעון איז אייער אידעע. נא דיר

פְּלוּצִים אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! שׁוֹין אַזוֹי פִיעל יָאהר אַז מִיר הָאבֶּען זִיךְ בֶּעזֶעצְט דָא אִין בַּאבִּילָאן, יֶעדֶער אִיז זִיךְ שׁוֹין גֶעוָואהנְט צוּ זַיין אַרְבֵּייט, יֶעדֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין זַיין פַּרְנָסָה, זָאלֶען מִיר זִיךְ אוֹיפְּס נַיי צוּ בְּרֶעכֶען? אוֹיפְּ'ס נַיי אוֹיסְוַואנְדֶערְן? אוּן וִוי אַהִין? אִין דֶעם פֶּערְווִיסְטֶעטֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? אִין דֶער חוּרְבָּה? מִיר זָאלֶען דָארְט וִויעדֶער אָנְהֵייבֶּען צוּ זוּכֶען נַייֶע פַּרְנָסוֹת בִּיז מִיר וֶועלֶען אַלֶע דָארְט אוֹיסְשְׁטַארְבֶּען פַאר הוּנְגֶער? נַיין, זָאג אִיךְ! אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט דֶערְלָאזֶען!

אליקים: (בייז) אִיךְ פֶּערְשְׁטֶעה נִישְׁט, וֶוער שְׁלֶעפְּט דִיךְ דֶען מִיט גֶעוַואלְט אַוֶועק פוּן דַאנֶען? דוּ ווִילְסְט נִישְׁט? בְּלֵייב דָא, אָבֶּער וָואס גֶעהְן דִיךְ אָן אַנְדֶערֶע? וָואס הֵייסְט דוּ וֶועסְט נִישְׁט דֶערְלָאזֶען? וֶוער בִּיזְטוּ?

בן כספי: אֶלְיָקִים זַיי קֵיין שֵׁגֶץ נִישְׁט!

אליקים: בֶּן כַּסְפִּי, אִיךְ הֶער דִיךְ וִוי דֶעם הוּנְד וָואס הָאבּ אִיךְ מוֹרָא פַאר דִיר? ווַייל דוּ בִּיזְט אֵיין עוֹשֶׁר? אַז פַארְווִיסְט אוּן פַארְפִינְצְטֶערְט אִיז דַיין לֶעבֶּען גֶעוָוארֶען מִיט דַיין גַאנְץ עֲשִׁירוּת, וָואס פַאר אַ לֶעבֶּען פִיהְרֶען מִיר דָא? (צעוויינט זיך) מֶען וַואשְׁט זִיךְ אִין אוּנְזֶער בְּלוּט, מֶען טַייט אוּנְז נָאךְ מִיט דִי פִינְגֶער, אוּן מֶען מַאכְט פוּן אוּנְז חוֹזֶק, וָואס אִיז? זֶענֶען מִיר נִישְׁט אַזוֹינֶע מְיוּחָסִים וִוי דִי כַּלְדֶעער? אוּן אֶפְשַׁר נָאךְ גְרֶעסֶערֶע? חוֹזֶק פוּן אוּנְז? פַאר וָואס? ווֵייסְטוּ פַאר וָואס? ווַייל זַיי הָאבֶּען אַ הֵיים אוּן מִיר? מִיר וַואלְגֶערְן זִיךְ אַרוּם וִוי דִי הִינְד (חליפעט).

בן כספי: (קאלט) מֵילָא נוּ? וָואס זְשֶׁע קֶען מֶען מַאכֶען? מִן הַסְּתָם ווִיל גָאט אַזוֹי. אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט וֶועלֶען אַ מָאל אוּנְז צוּרִיק פִיהְרֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועט עֶס מִן הַסְּתָם גֶעשֶׁעהְן דוּרְךְ נִסִים, נָאר לָאמִיר גֶעדוּלְדִיג וַוארְטֶען בִּיז גָאט וֶועט אוּנְז דִי נִסִים בֶּעווַייזֶען.

אליקים: (וויטהענד) אִיהר הֶערְט עֶפִּים? עֶר ווִיל זִיךְ עֶרְשְׁט אַנִידֶערְזֶעצְצֶען אוּן וַוארְטֶען אוֹיף נִסִים.

בן כספי: מִיט נִסִים הָאט אוּנְז גָאט ב"ה אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיט נִסִים וֶועט עֶר אוּנְז גֶעווִיס אוֹיךְ פוּן דֶעם גָלוּת אוֹיסְלֵייזֶען, דֶערְפַאר זָאג אִיךְ וַוארְטֶען, נָאר וַוארְטֶען.

אליכים: קום אַהֶער צוּ מִיר בֶּן כַּסְפִּי, דוּ בִּיזְט דָאךְ אַיין עֶהרְלִיכֶער יוּד.

בן כספי: אִיךְ מֵיין אוֹיךְ אַזוֹי.

אליכים: אוּן גְלַייבְּסְט מִן הַסְתָּם אַז אָהן גָאטְס וִוילֶען קֶען קַיין שוּם זַאךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעהֶן?

בן כספי: חָלִילָה!

אליכים: נוּ עֶנְטְפֶערְזְשֶׁע מִיר, וֶוען לְמָשָׁל דִיךְ זָאל אַנִידֶערְלֶעגֶען אַ קְרֶענְק, ווייל דָאךְ גָאט אַז דוּ זָאלְסְט קְרֶענְקֶען, און פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען וֶועסְטוּ דֶען נִישְׁט זוּכֶען קַיין רְפוּאָה צוּ דַיין קְרֶענְק? וֶועסְטוּ דֶען לִיגֶען אוּן קְרֶענְקֶען אוּן וַוארְטֶען אוֹיף נִסִים? פַאר וָואסְזְשֶׁע הַייסְטוּ אוּנְז וַוארְטֶען אוֹיף נִסִים?

בן כספי: ווייל דִי גַאנְצֶע אִידֶעע אִיז אַ פּוּסְטֶע פַאנְטַאזִיֶע, אַ רֵיינֶער שִׁגָעוֹן! אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בֶּעוֶעצֶען? חַ חַ חַ חַ אִיז עֶפֶּים אַ הֶפְקֵר וֶועלְט ווייסְט אִיהר נִישְׁט אַז מְ'וֶועט אַיךְ שְׁלָאגֶען אִיבֶּער דִי הֶענְד חַ חַ חַ חַ?

אליכים: (קרומט איהם נאך) חַ חַ חַ חַ אַז אָךְ אוּן וֶועה אִיז צוּ דַיין גֶעלֶעכְטֶער! מֵיינְסְטוּ דֶען נִישְׁט אַז דָנִיאֵל אִיז אַזאַ חָכָם ווִי דוּ? אוּן וֶוען אַזאַ הַיילִיגֶער גֶעטְלִיכֶער דָנִיאֵל רֶעדְט פוּן אַ זַאךְ הָאט עֶר נִישְׁט אַלֶעם בֶּעקְלֶעהרְט פְרִיהֶער, יֶעדֶען פְּלַאן אִיבֶּערְגֶעלֶעגְט? וָואלְט אַזאַ מַאן ווִי עֶר גֶערֶעדְט פוּן אַ זַאךְ וֶוען דִי זַאךְ זָאל נִישְׁט הָאבֶּען קַיין זִין אוּן קַיין מַמָשׁוּת? (בייז) קוּמְט אַזאַ לָאשִׁיק ווִי דוּ אוּן זָאגְט אַז עֶס אִיז אַ שִׁגָעוֹן.

בן כספי: גְרַאבִּיאַן?

אליכים: אִיךְ הָאבּ דִיךְ אִין דְרֶ'עְרְד! וֶוער ווייסְט עֶס דֶען נִישְׁט פַאר וָואס דוּ בִּיזְט אַזאַ גֶעגְנֶער פוּן דֶער אִידֶעע? ווייל דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז אוּנְזֶער אוֹיסְוַואנְדֶערוּנְג וֶועט דִיר שְׁטֶערֶען דַיינֶע מִסְחָרִים, דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבֶּען פוּן וֶועמֶען צוּ שִׁינְדֶען דִי הוֹיט, דוּ בִּיזְט אַיינֶער פוּן דִי פְרוּמֶע יוּדֶען וָואס זַייעֶר עוֹלָם הַזֶה אוּן עוֹלָם הַבָּא, אִיז גֶעלְד, שְׁפַּייא אִיהם אָן אַ פוּל פָּנִים אַבִּי גֶעלְד! אַ כַּפָּרָה כָּבוֹד, מֶענְשְׁלִיכְקַייט, יֶעדֶעס נַאצִיאָנַאלֶע גֶעפִיהל, אַבִּי גֶעלְד, נַיין! אַזוֹינֶע יוּדֶען מֶעגֶען ווייטֶער בְּלַייבֶּען דָא, פַאר אַזוֹינֶע יוּדֶען הָאבּ אִיךְ נוּר דְרַיי גֶעוֶועהלְטֶע וֶוערְטֶער, טְפוּ, טְפוּ, טְפוּ, אוּן שְׁרַייעֶן לְחַיִים! לְחַיִים יוּדֶען! (אב).

בן כספי: (שרייט איהם נאך) שֶׁגֶץ! עַזּוּת מְחוּצֶף פָּנִים... חַ חַ חַ חַ, ס׳אִיז אוּמְזִיסְט אַייעֶר מִיהֶ! וֶוען מִיר עֲשִׁירִים וֶוענֶען גֶעוֶוען דֶער אִידֶע וֶועט עֶס גֶעוִוים בְּלַייבֶּען, נַיין (געהענד) אַזַא חוּצְפָּה פוּן אַ קַבְּצָן (אב).

(אויפטריט דוד, יהודית).

דוד: (אויפגערעגט, הין און אהער געהענד) נוּ וָואס זָאגְסְטוּ עֶפִּים צוּ דַיין טַאטֶען?

יהודית: (שטעהט טרויריג) אוּן וָואס זָאגְסְטוּ עֶפִּים צוּ דַיין טַאטֶען?

דוד: עֶס מְהוּט מִיר לַייד, אָבֶּער אִיךְ מוּז דִיר זָאגֶען אַז דַיין טַאטֶע אִיז אַיין עַזּוּת פָּנִים.

יהודית: אוּן דַיין טַאטֶע אִיז אַ גְרָאבְּיַאן.

דוד: (בייז) אַזוֹי רֶעדְסְטוּ פוּן דַיין מְחוּתָּן?

יהודית: (וויינענד) אוּן וִוי אַזוֹי רֶעדְסְטוּ פוּן דַיין מְחוּתָּן (שלוכצט) דֶער נָגִיד מֶעג? נָאר אַ מִצְוָה, אַ מִצְוָה אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ פְרִיהֶער גֶעוָואלְט וִויסֶען אַז מִיר בֵּיידֶע וֶוענֶען נִישְׁט קֵיין גְלַייךְ פָּארִיל, אַ מִצְוָה אַ מִצְוָה אוֹיף מִיר (וויינט).

דוד: קוּם אַהֶער יְהוּדִית׳ל (וויל איהר האנד נעהמען).

יהודית: לָאז מִיךְ צוּרוּה... וָואס הָאסְטוּ גֶעוָואלְט פוּן מִיר הָאבֶּען? מִיר פַּאסֶען נִישְׁט אֵיינֶס פַאר׳ס אַנְדֶערֶע, לָאז מִיךְ, (געהט וויינענד). אוֹי מַיין צֶעבְּרָאכֶען הַארְץ.

דוד: (פערהאלט זי) וַוארְט אוֹיס יְהוּדִית׳ל, זָאג מִיר דֶעם אֱמֶת, אָבֶּער גַאנְץ אוּנְפַּארְטֵייאִישׁ, שְׁטֶעל דִיר פָאר אַז בֶּן כַּסְפִּי אִיז נִישְׁט מַיין פָּאטֶער אוּן אֶלְיָקִים אִיז נִישְׁט דַיין פָּאטֶער, נָאר מִיר הָאבֶּען דָא גֶעהֶערְט צְוֵויי מֶענְשֶׁען זִיךְ אוֹיסְטַעֲנֶה׳עְן וֶוער פוּן זֵיי בֵּיידֶע אִיז גֶערֶעכְט, בֶּן כַּסְפִּי אָדֶער אֶלְיָקִים?

יהודית: (וויינענד) אַדְרַבָּה, וֶוער אַז נִישְׁט אֶלְיָקִים?

דוד: (בייז) אַזוֹי?... אֶלְיָקִים אִיז גֶערֶעכְט? דָאס הֵייסְט אַז דוּ ווִילְסְט אוֹיךְ וֶוערֶען אַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל יוּדֶענֶע? אוּן וֶוען אִיךְ דַיין מַאן וִויל נִישְׁט גֶעהֶן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואסֶזשֶׁע וֶועט וֶוערֶען פוּן אוּנְז בֵּיידֶע?

יהודית: (שלוכצענד) גָאר נִישְׁט!

דוד: נָאר נִישְׁט? (ווײנט) שְׁלָאגְסְטוּ מִיךְ אַ כַּפָּרָה פַאר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? אוּן דָאס הֵייסְט בַּיי דִיר לִיעבּ גֶעהַאט?

יהודית: דָוִד׳ל, פַאר וָואס פְרֶעגְסְטוּ נִישְׁט פוּן וָואס דָא אִיז אַ רֶעדֶע? דָא הַאנְדֶעלְט זִיךְ יֶעצְט פוּן אַ יְשׁוּעָה אוֹיף דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל, (פֿרום) גָאט בּ״ה ווִיל אוּנְז פוּן דֶעם גָלוּת אוֹיסְלֵייזֶען אוּן הָאט מִן הַסְתָּם דֶעם צַדִיק דָנִיאֵל אָנְגֶעוִויזֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי. אוּן וֶוער נָאר עֶם הָאט אַ פִּינְק פוּן יוּדִישְׁקֵייט אִין זַיין הֶערְץ דֶער דַארְף אִין זִיךְ אַלֵיין פַארְגֶעסֶען, מַקְרִיב זַיין דַארְפֶען מִיר אַלְסְדִינְג וָואס אוּנְז אִיז לִיעבּ, אוּן וֶוען עֶס אִיז נֶעטְהִיג מוּזֶען מִיר אֶפִילוּ אוּנְזֶער לֶעבֶּען בְּרֶענְגֶען פַאר אַ קָרְבָּן, אַבִּי צוּ הֶעלְפֶען דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל!

דוד: (בעגײסטערט) נוּ וִוי אַזוֹי לָאזְט מֶען פוּן זִיךְ אַוֶועק אַזַא הֵיילִיג מַלְאָכְ׳ל? נוּ, וָואסְזֶשֶׁע טְהוּ אִיךְ אָבֶּער מִיט מַיין טַאטֶען? נַיין אִיךְ מַיין פַארְקֶעהְרְט וָואס וֶועט מַיין טַאטֶע טְהוּן מִיט מִיר? (ווײנענד) רבש״ע! גִיבּ מִיר אַיין עֵצָה וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן?

יהודית: ...דָוִד׳ל! גָאט וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ וֶועל אָן דִיר נִישְׁט קֶענֶען לֶעבֶּען, אָבֶּער אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֶעהְן מִיט מִיר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִן הַסְתָּם וֶוענֶען מִיר נִישְׁט קַיין זִוּוג!

דוד: (ווײנט אויף איהר האלדז) אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיךְ אָבֶּער לִיעבּ, אִיךְ וֶועל אָהְן דִיר שְׁטַארְבֶּען.

יהודית: (הליפעט) וַויין נִישְׁט דָוִד׳ל, אִיךְ וֶועל דָארְט אִין אֶרֶץ הַקְדוֹשָׁה פַאר דִיר גָאט בֶּעטֶען, אִיךְ וֶועל גֶעהְן אַלֶע טָאג צוּ דֶער מְעָרַת הַמַכְפֵּלָה, וֶועל פַאלֶען וַויינֶענְדִיג אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע קְבָרִים פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל וְלֵאָה. וַויין נִישְׁט דָוִד׳ל, וַויין נִישְׁט!

(שלוכצענד פאלען זיי זיך אויף די העלזער).

פערוואנדלונג.

(ביי זמרי, פאוויליאָן זעהר רייך פערציערט מיט סטאַטועז און פיגורען, בלומען, וואַזען, פאַלמענביימער, שפרינגברונען, עטצ. עטצ.

(זמרי, פריסטער קוליאן).

זמרי: חה חה חה, טריומפף! טריומפף! אָה פריסטער קוליאַן, אַזוי א גליק וואלט איך מיר קיינמאל נישט פארגעשטעלט.

פריסטער: דער קעניג זאגסטו? דער קעניג אליין האט עס דיר געזאגט?

זמרי: (וויזט איהם אין קוליס) דא קוק אהין, זעה ווי דער קעניג שפאציערט דארט אין גארטען ארעם און ארעם מיט מיין טאכטער... זעה מיט וועלכע פערליעבטע אויגען ער קוקט אויף איהר.

פריסטער: יאה, דאס דער קעניג איז אין דיין טאכטער שוין לאנג פערליעבט, דאס איז קיין געהיימניס מעהר, אבער דאס ער זאל זי פאר א פרוי פערלאנגען? דאס ער זאל זי וועלען פאר א קעניגין ערהעבען?...

זמרי: דאס האט ער מיר אליין שוין ערשט נישט לאנג ביי דעם טאפעל ענטדעקט, חה חה חה. נון פריסטער קוליאַן, דענק דיר יעצט מיין מאכט און מיינע גרעסע, בלשצר דער קעניג פון באבילאן מיין שוויגער-זאהן, חה חה חה.

פריסטער: דאן זמרי מיין פריינד, דאן ווינשע איך דיר גליק (זינגענד) דער זעגען פון די היילינע געטער זאל אויסגעהן צו דיין קאפ, אמן אמן.

(אויפטריט קעניג, כאהר, פאלמירא).

קעניג: נון זמרי מיין פריינד! איין גנאדע וואלסט דו פון מיר ערבעטען, האסט דו מיר פריהער געזאגט, שפריך, יעדען וואונש בין איך בערייט דיר צו ערפילען.

זמרי: (זיך פערנייגענד) מיין קעניג! אלע מיינע ווינשע און אלע מיינע זארגען ציעלען נור צו דיעזען איינען פונקט דיין טהייער לעבען זיכער צו וויסען.

קעניג: איז דען מיין לעבען אין געפאהר?

זמרי: נישט נור דיין לעבען, זונדערן אויך דאס לעבען פון אלע כלדעער, יא, אונזער גאנץ לאנד שוועבט אין גרויס געפאהר!

קעניג: מיינסטו פיעלייכט דעם קריעג וועלכער דראהט אונז פון יענע צוויי קעניגע כורש און דריוש?

זמרי: ניין מיין קעניג, מיר כלדעער זענען שטארק גענוג אום יענע צוויי פיינדע כורש און דריוש צו בעזיעגען, איך רעד נישט פון די פיינדע פון דרויסען, זונדערן פון די פיינדע וועלכע זענען אין אונזער לאנד פערברייטעט, איך מיין די יודען, וועלכע זויגען אויס לאנגזאם אונזער בלוט ווי די בלוטאייגעל.

פאלמירא: (אפארט ערציטערט) דארף איך מיינע אויערען טרויען? איז עס מיין פאטער וואס רעדט אזוי?

זמרי: דניאל וועלכער איז יעצט דער קאפ פון גאנצען יודענטהום, ער הייסט זיינע ברידער זיך האלטען בערייט זייער געוועזען לאנד ווידער צו בעזעצען, עס איז אלזא מעהר אלס זיכער דאס דיעזער דניאל אונטערהאנדעלט אין געהיים מיט אונזערע פיינדע אום אונז צו פערראטען, צו פערקויפען, און אלס לאהן ווידער צוריק צו בעקומען דאס יודישע לאנד, זעה דיך דארום פאר מיין קעניג, זעה דיך פאר בעפאר עס ווערט צו שפעט.

קעניג: (אויסער זיך) און איין זאלכעס פאלק לעבט אונטער מיין שוטץ? אך, וועלכע שטראפע ווערע גוט פאר אזעלכע פעררעטער?

פאלמירא: וויל דער קעניג אויך מיינע מיינונג הערען?

קעניג: (צערטליך) שפריך מיינע ליעבע. וואס ווערע דיין ראטה אין דיעזעם פאל?

פאלמירא: גערעכט צו זיין.

קעניג: יא דאס וויל איך, און די גערעכטיגקייט געביעטעט מיר איינע

אונערהערטע שטראפע אויסצודענקען פאר דיעזע יודען די פערדעטער; זאג מיינע ליעבע וואס פאר א שטראפע האסטו פאר זיי אויס־געפונדען.

פאלמירא: מיין קעניג! ווען דו ווילסט געהערט זיין דארפסטו פון שטראפע נאך גאר נישט רעדען.

קעניג: נישט? ווארום?

פאלמירא: ווייל אויסגעהערט האסטו נור דעם אנקלעגער, אבער וואו איז דער אנגעקלאגטער?

זמרי: (אפארט) וואס איז דאס?

פאלמירא: אה קעניג! האב איך אין דיינע אויגען געפונען גנאדע? אזוי בעט איך דיך, הער נישט אויס מיין פאטער, דען אויס איהם שפריכט נור פערזענליכער האס אויף דיינע געוועזענע גלויבענסברידער. דו אבער, דו ביזט קעניג, און קעניגליך מוז דיין בעהאנדלונג זיין.

זמרי: (אויסער זיך) ווא... וואס? וואס הייסט דאס? אה מיין קעניג! פערצייהע, מיינע טאכטער שיינט אונוואהל צו זיין.

פריסטער: אזוי זעהט עס אויס, זי איז פיבעריש, דען זי רעדט פון היטץ (בענטשט זי) דער זעגען פון די הייליגע געטער זאל אויסגעהן צו דיין קאפף...

פאלמירא: (ווענדעט זיך פון איהם אוועק פערעכטליך).

קעניג: (צערטליך) זיי רוהיג מיינע ליעבע! איך האב דיר מיין ווארט געגעבען געהערט צו זיין, און מיין ווארט וויל איך האלטען! (צו זמרי) לאז אלע מיינע רעטהע זאפארט פערזאמלען אין מיין פאלאסט, אום איבער דיעזע וויכטיגע יודענפראגע צו פערהאנדלען. (צו אלע) פאלגט מיך! (אלע אב אויסער פאלמירא און זמרי).

זמרי: טאכטער וואס געהט מיט דיר פאר, דו נעמסט פארטיי פאר די יודען? האסטו דען פערגעסען ווער דו ביזט?

פאלמירא: ניין! קיין אויגענבליק וועל איך פערגעסען דאס איך בין א יודיש קינד געבארען! אה פערגעסען זאל איך מיינע רעכטע האנד אויב איך וועל פערגעסען מיינע פרומע יודישע מוטער. מיינע מוטער

וועלכע איז דורך דיר פאר דער צייט געשטארבען ווען דו ביזט אונטריי געווארען דעם יודישען גלויבען! (וויינט) דאך, מוטער, זיסע מוטער מיינע! שלאף רוהיג אין דיין קבר, דען אזוי ווי דו, אזוי וועל אויך איך דיין טאכטער פעסט האלטען אן דעם גלויבען פון אונזערע עלטערן!

זמרי: (אויפגערעגט) טהוט מיר הנאה!... פרייט מיך זעהר! אך מיינע שולד! עס איז מיין אייגענע שולד, איהר מוטער איז געוועזען איין אנפערוואנדטע פון זרובבל און דאדורך איז דא געוועזען זרובבל איין גאנצער הויז־פריינד, און ער נור ער האט פון זיין קינד אזוי א הייסע יודישע פאטריאטין געמאכט, אה איך בלינדער, איך בלינדער!... (צערטליך צו איהר) פאלמירא! טאכטער! לאזען מיר די יודענפראגע ביי זייטע, זאג מיר, ווייסטו וועלכעס גליק דיר בעפארשטעהט!

פאלמירא: גליק?

זמרי: יא טאכטער, איין גליק אום וועלכעס די גאנצע וועלט וועט דיך בענעידען.

פאלמירא: איך ווייס נישט וואס דו מיינסט.

זמרי: אבער קינד, האסטו דען נישט געזעהן דאס דער קעניג איז אין דיר ליידענשאפטליך פערליעבט?

פאלמירא: (גלייכגילטיג) אבער איך האב איהם נישט ליעב.

זמרי: (אויסער זיך) הערע וועלט און שטוינע! מיט וועלכען גלייכגילטיגען טאן זי רעדט ווען איהר ווינקט איין קעניגליכע קרוין.

פאלמירא: די קרוין האט פאר מיר קיין רייץ נישט.

זמרי: ביזטו פון זינען?... (פלוצלינג פון א געדאנק ערפאסט) אה... יעצט ערשט געהט מיר אויף איין ליכט... טאכטער די וואהרהייט... ביז צום טויט פון דיין מוטער איז זרובבל דא געוועזען איין גאנצער בן בית... איז פיעלייכט צווישען דיר און איהם עטוואס? אך, איך וואגע עס קוים אויסצורעדען... נון? אנטווארטע! ווי? דו שווייגסט? אונגליקליכע וואס האסטו דיר איינגעבילדעט? ער מיין שוויעגערזאהן? איין יודע?

פאלמירא: און ווער ביזטו?

זמרי: שווייג! ערינער מיך נישט אן מיין יודישע געבורט. מיר איז עס א שאנדע דאס איך פון יודישע עלטערן אבשטאמע.

פאלמירא: (ביטער) אה מיינע בעדויערנסווערטהע גראסעלטערן! איהר דרעהט אייך יעצט געוויס ארום אין גרוב, אבער טרייסט אייך, דען אזוי ווי אייער זוהן שעהמט זיך מיט אייך אזוי שעהמט זיך זיין טאכטער מיט איהם!

זמרי: (ווילד אויפשרייענד) אה!... איז דאס דיין לאהן צו דיין פאטער פאר זיינע גרענצענלאזע ליעבע צו דיר.

פאלמירא: ביזטו מיר איין פאטער?

זמרי: צווייפעלסט דא דאראן?

פאלמירא: (וויינט) ניין! נישט אן דעם צווייפעל איך, דען מיינע מוטער איז געוועזן צו ערליך, צו נאמספירכטיג, אבער ביזטו מיר איין פאטער אזוי לאז אין דיין פאטערהערץ איינדרינגען די ווערטער וועלכע קומען אויס דעם הערצען פון דיין קינד, לאז די טרעהרען וועלכע פליסען אויס מיינע אויגען יעצט צערשמעלצען דעם הארטען שטיין אין דיין ברוסט. פאטער, איך פרעג דיך נישט ווארום דו האסט דיין גלויבען געוועקסעלט אבער דאס וויל איך דיך פרעגען, האסט דו מיט דיין גלויבען אבגעלעגט יעדעס מענשליכע געפיהל? פאטער! דיין אוננאטירליכען האס געגען דיינע געוועזענע גלויבענסברידער האט דיר נור איין דעמאן איין טייפעל איינגעגעבען, איין בייזער גייסט וועלכער וויל דיך פערפיהרען אין דעם שאול תחתיה, קעהר צוריק פאטער פון דיעזען פינסטערן וועג (קניעט, קישט זיין קניע) לאז מיך דיין קניע אומקלאמערן, אום מיטלייד מיט דיין קינד קעהר צוריק.

זמרי: (שמייסט זי צוריק) גענוג! אום דיר שפריכט דער יוד זרובבל, אבער ביי אללע געטער, מיין שוויגערזאהן וועט קיין אנדערער זיין אלס דער קעניג!

פאלמירא: (שפרינגט אויף) אזוי?... (פויזע) זאג מיר פאטער, האסטו אויסער מיר נאך איינע טאכטער?

זמרי: (ווילד) וויטציג? וויטציג ביזטו ווען אין מיר קאכט דאס בלוט? אזוי הער יעצט מיין שבועה! ביי אללע געטער פון באבילאן, דאס

איך װעל נישט רוהען ביז איך ברענג, דיין זרובבל אויף דעם שייטערהויפען!

פאלמירא: אזוי הער אויך יעצט מיין שבועה! ביים איינציגען גאט, װעלכען דו האסט פערלייקענט, דאס מיט זרובבל װעל איך ליעבער בעשטייגען דעם שייטערהויפען, אלס מיט דיין קעניג דעם טראהן! (אב).

זמרי: (פערבליפט, קוקט איהר נאך) נון, װאס טהוט מען יעצט? טייפעל און העלע, זי מאכט מיר צו שאנדע אלע מיינע פלענע!

זרובבל: (זינגט).

זמרי: (לױשט, מומיקורט... אב).

(געזאנג, ערשיינט פאלמירא, לױפט א קעגען און קומט מיט זרובבל).

פאלמירא: אה װי האט זיך מיין הערץ נאך דיר געזעהנט, מיין זרובבל! װייסטו װעלכע שװארצע װאלקען עס דראהען, אונזערן לױטערן הימעל צו פערדונקלען? (װױנט).

זרובבל: איך װייס אלעס, אבער װארום דען פערצװייפלען? װארום װיינען װען דו רוהסט אויף דער ברוסט פון דיין צוקינפטיגען מאן?

פאלמירא: (שלוכצט) אך מיין זרובבל! בין איך דען װערטה דיינע צו װערען? יכניה מלך יהודה איז געװעזען דיין גראספאטער, דער װעלט בעריהמטער דניאל איז דיין ערציעהער און לעהרער, איך אבער װעמענס קינד בין איך?

זרובבל: איין ענגעל פון גאטס הימעל ביזטו מיר און איך פרעג נישט װייטער.

פאלמירא: זרובבל! מיין פאטער זוכט אייער פערדערבען.

זרובבל: איך װייס עס.

פאלמירא: און דאס זאגסטו מיט אזוי א גלייכגילטיגען טהאן? װייסטו װי הויך מיין פאטער שטעהט ביים קעניג?

זרובבל: און דער קעניג זעלבסט װער גאראנטירט מיר דען פאר זיינע העהע? איז דען קעניג בלשצר זיכערער אויף טראהן אלס דיין גראספאטער נבכדנצר? נבכדנצר װעלכער האט אונזער בית המקדש

פערברענט, אונזער לאנד פערוויסט און אונזער פאלק אין גלות געטריבען. דער זעלבער נבוכדנצר איז שפעטער זעלבסט פון דער מענשהייט אויסגעשלאסען געווארען, פערוואנדעלט האט איהם גאט אין איין ווילד טהיער און גלייך מיט אלע טהיערע איז ער אין די ווילדע וועלדער ארומגעלאפען, דניאל, יאה דער געטליכער דניאל, האט איהם דיעזע פורכבארע שטראפע פאראויס געזאגט, און יעדעס ווארט פון איהם איז בוכשטעבליך אין ערפילונג געגאנגען, (בעגייסטערט) און ווען דערזעלבער האט יעצט פאר זיין פאלק די ערלעזונג פון דעם גלות פראפעצייעט אזוי מעג אויך איין וועלט מיט פיינדע זיך געגען אונז ערהעבען, מעגען אויך גאנצע בערג מיט הינדערניסע אונז אין דעם וועג געלעגט ווערען, מיר וועלען דאך קומען צו אונזער ציעל! יאה דאס ארץ הקדושה, די מתנה פון גאט צו אונזערע עלטערן מוז און וועט ווידער אונזער זיין!

פאלמירא: (מיט די אויגען צום הימעל) אמן! רוף איך פון מיין טיעפסטען הערצען! יא, אזוי זאל עס אויך ווייטער בלייבען ארץ ישראל! (פאלט אויף זיין ברוסט) און דו מיין זרובבל דו ווערסט אונזער אנפיהרער אונזער משיח!

(אויפטריט זמרי ווילד).

זמרי: אזוי? דאס איז אלזא דער מאגנעט וועלכער ציהט מיינע טאכטער צו די יודען צוריק? דו האסט מיר מיין קינד ענטפרעמדעט און האסט דיך געוואגט מיין שוועל איבערצוטרעטען? אבער ביי אלע געטער לעבענדיג פערלאזט דו נישט מעהר דיעזעס הויז! (ציהט די זעבעל).

פאלמירא: ... פאטער!

זמרי: (שמייסט זי אוועק און פערפאלגט זרובבל'ן).

זרובבל: (וויכט איהם אויס) פיינדליך! געגען איין אונבעוואפענטען?

פאלמירא: (צווישען ביידע) פאטער! ווילסטו איין מארד בעגעהן? פאטער! נישט איין סעקונדע וועל איך איהם איבערלעבען, פאטער, הער מיך!

זמרי: אוועק! בלוטיגע ראכע שווער איך אן זעמטליכע יודען און דיעזער

דָא זָאל דָאס עֶרְשְׁטֶע אָפְּפֶער פוּן מֵיין רַאבֶּע זַיין! (פערפאלגט איהם).

זרובבל: (ביז יעצט זיך נעווערט, ווענדט זיך פלעטצליך העלדיש) נַיין דָאס וֶועסְטוּ נִישְׁט עֶרְלֶעבֶּען, מְשׁוּמָד! (ענטרייסט איהם דעם זעבעל, דראָהט איהם...)

פאלמירא: (ווארפט זיך אויף זרובבל שרייענד) זְרוּבָּבֶל! עֶס אִיז מֵיין פַאטֶער!

זרובבל: (זיך דערמאנענדיג, צעברעכט דעם זעבעל שמייסט אוועק די שטיקער מיט לערם).

פאלמירא: (שלוכצט אויף זיין ברוסט).

זמרי: (ציטערט).

פ א ר ה א נ ג.

ענדע פונ'ם ערשטען אקט.

צווייטער אַקט.

(איין צימער אין צוויען געטהיילט. — רעכטס אַ דיוואן אויף וועלכען עס שלאפט אליקים נעבען איהם אַ בענקיל מיט זיינע אָבערקליידער. — לינקס איין צימעריל מיט אַ טישעל און זעסעל. — פאָרענט איין שפינערדעל ביי וועלכען יהודית זיצט און ארבייט. — אויפ'ן טישעל אַ טעלער מיט צוריקגעבליבענע שפייזען).

(דוד קומט שטיל, גיט איהר אַ קוש, זי ערשרעקט).

יהודית: אָה!

דוד: פאַרוואס אָה? דערקענסט נישט מעהר דעם הייסען קוש פון דיין חתן?

יהודית: (זיפצט) אוי אַז אַך און וועה איז צו מיר מיט מיין חתן.

דוד: וואס איז דאס פאַר איין מזל טוב?

יהודית: דוד'ל, דו ווייסט נאָך נישט פון אונזער אונגליק.

דוד: פון אונזער אונגליק?

יהודית: איך האָב דערצעהלט מיין טאַטען פון אונז ביידע.

דוד: צו וואס האָסטו איהם שוין דערצעהלט? ווער האט דיך געהייסען?

יהודית: ווער עס האָט מיך געהייסען? וואס דען? איך זאָל האָבען סודות פאַר מיין טאַטען (פארשעמט) בפרט נאָך אַזאַ זאַך.

דוד: (אייפערענט) צדיקת מיינע! מיט דעם פרומקייט וועסטו אונז נאָך ברענגען אין גן עדן פאַר דער צייט. הכלל וואסזשע האָט דיין טאַטע געענטפערט?

יהודית: (ווייגענד) געענטפערט האָט ער גאָר נישט, ער האָט נאָר געגעבען אַ געשריי גלייך ווי איך וואָלט איהם אָבגעבריהט.

דוד: דאס הייסט איך געפעל איהם נישט?

יהודית: דו אַליין וואַלְסְט אִיהם שוין יאה גֶעפֶעלֶען אָבֶער דַיין טַאטֶע.

דוד: נו וואס מֵיין טַאטֶע?

יהודית: דַיין טַאטֶע שְׁטֶעהט מֵיין טַאטֶען נִישְׁט אָהן פַאר אַ מְחוּתָּן.

דוד: (בעליידיגט) נָאךְ אַ מָאל! מֵיין טַאטֶע דֶער עוֹשֶׁר שְׁטֶעהט דַיין טַאטֶען דֶעם קַבְּצָן נִישְׁט אָן פַאר אַ מְחוּתָּן?

יהודית: נֵיין!

דוד: נֵיין?

יהודית: נֵיין! ווייל דַיין טַאטֶע אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶער גֶעגְנֶער אוּנז צִיוֹנִיסְטֶען.

דוד: הֶער מִיךְ אוֹיס יְהוּדִיתְ׳ל, לָאמִיר אַוֶועק שְׁטֶעלֶען דִי טַאטֶעס און זִיךְ נֶעהמֶען צוּ דִי קִינְדֶער.

יהודית: (ערשראקען) אוֹי וועה אִיז מִיר וואס רֶעדְסְטוּ? וואס הֵייסְט, מֶען זָאל אַוֶועקְשְׁטֶעלֶען דִי טַאטֶעס?

דוד: וואס זָשֶׁע דֶען? פְרֶעג דַיין טַאטֶען, צִי שְׁטֶעהט אִיהם נִישְׁט אָן מֵיין טַאטֶע, פְרֶעג מֵיין טַאטֶען צִי שְׁטֶעהט אִיהם נִישְׁט אָן דַיין טַאטֶע דֶערְפַאר זָאג אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט מֵיין טַאטֶען און פְרֶעג נִישְׁט דַיין טַאטֶען, נוּר מִיר בֵּיידֶע אַליין דַארְפֶען זִיךְ פְרֶעגֶען, יְהוּדִיתְ׳ל! מִיר ווילֶען זִיךְ יאה אָדֶער מִיר ווילֶען זִיךְ נִישְׁט?

יהודית: (וויינט אויף זיין ברוסט) מִיר ווילֶען זִיךְ.

דוד: (קישט זי) נוּ, אִיז דָאךְ גוּט יְהוּדִיתְ׳ל, פַאר וואסְזָשֶׁע ווֵיינְסְטוּ?

יהודית: (וויינט) ווייל וואס קוּמְט אַרוֹיס וואס מִיר ווילֶען זִיךְ אַז גָאט ב״ה וויל נִישְׁט?

דוד: (ערזעגט) אַט הָאסְטוּ נָאךְ אַ מְחוּתָּן! אָבֶער זָאג מִיר צַדֶיקְתְ׳ל פוּן וואנֶען ווייסְטוּ אַז גָאט ב״ה וויל נִישְׁט?

יהודית: אִיךְ זֶעה דָאךְ!

דוד: (לאכט) מֵיין יְהוּדִיתְ׳ל, דָאס מָאל זֶעהסְטוּ נִישְׁט קְלָאהר. ווייסְטוּ וואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט? אַז דִי לִיעבֶּע אִיז אַ פִּינְק פוּן גָאט, אִיךְ פִיהל אִיהם דֶעם פִּינְק, און דוּ יְהוּדִיתְ׳ל?

יהודית: (ציינט אויפ׳ן הארץ, זיפצט) אוֹי פְרֶעג גָאר נִישְׁט.

דוד: אַ יָא וֶועהסְטוּ שׁוֹין אַז גָאט בּ״ה אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער שַׁדְכָן, ווייל עֶר דָאךְ יָא דֶעם שִׁידוּךְ!

יהודית: אֶפְשֶׁר הָאסְטוּ רֶעכְט.

דוד: גֶעדֶענְקְ׳זְשֶׁע, אִיךְ וִויל, דוּ ווילְסְט, גָאט בּ״ה וויל, וֶוענֶען מִיר דְרַייא און אוּנְזֶערֶע בֵּיידֶע טַאטֶעס ווילֶען נִישְׁט? זַיי זֶענֶען אָבֶּער נוּר צְוַויי און דְרַייא גֶעגֶען צְוַויי וֶוער גֶעווינְט? דִי דְרַייא! נוּ, שְׁרַייט׳זְשֶׁע מַזָל טוֹב! (ווארפט א טעלער צו באָדען).

אליהים: (אין א אנדערע זייט ביהנע האפט זיך אויף פערשלאפען, רעדט פונים שלאָף) מז״ט, מז״ט, עֶס זָאל זַיין מִיט גְלִיק און מִיט בְּרָכָה... אָה, עֶס אִיז נוּר אַ חָלוֹם, (גענוצט, רופט) יְהוּדִית׳ל! טָאכְטֶער! אָה זִי עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט? זִי טוּט אַ וַודַאי שְׁלָאפֶען פַאר הִיטְץ... יָא, עֶס אִיז הַיינְט אַ הֵייסֶער טָאג, נַיין לָאמִיךְ זִי נִישְׁט שְׁטֶערֶען, יְהוּדִית׳ל! שְׁלָאף דַארְטֶען יְהוּדִית׳ל שְׁלָאף גֶעזוּנְדֶערְהֵייט, אִיךְ וֶועל מִיךְ אַלֵיין אוּנְטְהוּן, עֶס אִיז הַיינְט אַיין אֲסִיפָה בַּיי דָנִיאֵל... מֶען דַארְף שׁוֹין גֶעהְן אַהִין. (נעהמט זיך אונטהון)

(אויפטריט בן כספי).

אליהים: (האלב אונגעטהון) אָה, וֶועהמֶען זֶעה אִיךְ בַּיי מִיר אִין שְׁטִיעֶב?

בן כספי: (שטאָלץ) דוּ מֵיינְסְט אַז דֶער רַייכֶער בֶּן כַּסְפִּי אִיז צוּ דִיר גֶעקוּמֶען צוּטְהֵיילֶען כָּבוֹד מִיט זַיין וויזיט? הָאסְטוּ אַ גְרוֹיסֶען טָעוּת, דֶען אַזאַ גְרוֹיסֶען כָּבוֹד ווי מִיךְ צוּ זֶעהן אִין דַיין שְׁטִיעֶב...

אליהים: (אונטערברעכענד) וַוארְט! רֶעד נִישְׁט ווייטֶער! וֶועהמֶען דַארְפְסְטוּ? וָואס ווילְסְטוּ? וָואס בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען? וֶוער הָאט נָאךְ דִיר גֶעשִׁיקְט?

בן כספי: מַיין זוּהן מַיין דָוִד׳ל ווי אִיז עֶר?

אליהים: מִיךְ קוּמְסְטוּ פְרֶעגֶען אוֹיף דַיין זוּהן?

בן כספי: יָא, אִיךְ בִּין גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, אַז עֶר קוּמְט אַלֶע מָאל צוּלִיעֶב דַיין מוֹיד.

אליהים: (בייז) זָאל עֶר עֶס נוּר וַואגֶען דֶער שֵׁקֶץ, דֶעם קָאפּ וָואלְט אִיךְ אִיהם גֶעשְׁפָּאלְטֶען, וֶוען עֶר זָאל מַיין יְהוּדִית׳ל נוּר מִיט אַיין פִינְגֶער אוּנְרִיהרֶען.

דוד: (אין א אנדערע זייט ביהנע צו יהודית׳ל, דריקט זי צו) יָא, מַיין בִּיזְטוּ און מַיין

בְּלֵייבְּסְטוּ, קֵיין מַאכְט אוֹיף דֶער וָועלְט וָועט אוּנְז נִישְׁט צוּשֵׁיידֶען.

(ביידע געארעמט, קישען זיך).

בן כספי: (זוכט בייז אין אלע זייטען) אִיךְ וַויים אָבֶּער פוּן אַ זִיכֶערֶע קְוָועלֶע, אַז עֶר קוּמְט פָּארְט אַהֶער. נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ נוּר דוּ הָאסְט אִיהם פַאר מִיר בֶּעהַאלְטֶען, הָאסְטוּ דִיר אֶפְשֶׁר אֵיינְגֶערֶעד מַיין קִינְד פַארְ'ן אֵיין אֵיידֶעם? אָה דָאס וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֶעבֶּען.

אליקים: (שפרינגט אונטער פאר כעס) וָואס? מַיין טָאכְטֶער? מַיין יְהוּדִיתְ'ל זָאל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען פַאר אַ שְׁנִיעֶר? פַּרְעהֹ'ס מַכּוֹת וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען.

בן כספי: (שפעטיש לאכענד) קוּק נוּר אָן אַ שְׁטֶעל פוּן אַ קַבְּצָן חַ חַ חַ חַ.

אליקים: (עבענזאָ שפעטיש) חַ חַ חַ חַ קוּק נוּר אָן וֶועהמֶען אִיךְ זָאל דָא נֶעהמֶען פַאר אַ מְחוּתָּן? חַ חַ חַ חַ.

בן כספי: חַ חַ חַ חַ.

אליקים: חַ חַ חַ חַ.

יהודית: (פונ'ם אנדערען צימער) וָואס זָאגְסְטוּ, דָוִד'ל נָאךְ אֵיידֶער מִיר וֶועלֶען אוֹיסְוַואנְדֶערְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?

דוד: גֶעווִיס יְהוּדִיתְ'ל, פְּרִיהֶער חֲתוּנָה הָאבֶּען אוּן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלֶען מִיר שׁוֹין קוּמֶען אַלְס מַאן אוּן וַוייבּ.

יהודית: (פארשעמט און גליקליך) אוֹי גָאטֶעניוּ!

אליקים: (בייז צו בן כספי ווערכער זוכט) וָואס נָאךְ זוּכְסְטוּ? אִיךְ מוּז אַוֶועקְגֶעהְן, בֵּיי אוּנְזֶער דָנִיאֵל אִיז הַיינְט אַיין אֲסִיפָה, קוּם אֶפְשֶׁר ווִילְסְטוּ אוֹיךְ גֶעהְן? קוּם וֶועלֶען מִיר זִיךְ שׁוֹין אוֹיף דֶעם וֶועג אוֹיסְטַעֲנֶה'ן.

בן כספי: צוּ אִיךְ גֶעה צוּ דֶער אֲסִיפָה פְּרֶעגְט עֶר? אוּן נָאךְ ווִי אַזוֹי, נִישְׁט נוּר אִיךְ, נוּר אַלֶע עֲשִׁירִים אוּן גְרוֹיסֶע לַייט פוּן דַאנֶען, אַלֶע גֶעהֶען מִיר הַיינְט אוּם דָנִיאֵל'ן אָבְּצוּשְׁטֶעצֶען פוּן פָארְשְׁטֶעהֶער.

אליקים: (אויסער זיך) דָנִיאֵל'ן? דָנִיאֵל'ן אָבְּזֶעטְצֶען? אוֹיסְזֶעטְצֶען וֶועלֶען מִיר אַייךְ דִי צֵיין, אַקֶעגֶען וֶועהמֶען גֶעהְט אִיהר דָא?

בן כספי: (שרייענד) אוֹיס! מִיר ווִילֶען אִיהם נִישְׁט מֶעהר פַאר קַיין רֹאשׁ.

אליקים: מִיר? וֶוער מִיר?

בן כספי: (שטאָלץ) מִ י ר, מִיר גְרוֹיסֶע לַייט, מִיר דִי אֱמֶת׳דִיגֶע פַּאטְרִיאָטֶען פוּן אוּנְזֶער פָאלְק, מִיר וֶועלֶען נִישְׁט דֶערְלָאזֶען אַז עֶר זָאל אוּנְזֶער פָאלְק פֶערְפִיהְרֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית. וָואס אִיז? הָאט זִיךְ אֶפְשֶׁר פֶערְגָלִיסְט דָנִיאֶלְ׳ן צוּ וֶוערֶען אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער יִשְׂרָאֵל?

אליקים: (האלט זיך צו די אויערען, שפרינגט פאר כעס) אוֹי וֶועה אִיז מִיר? וֶועה אִיז צוּ מַיינֶע אוֹירֶען, מִיט וָואס פַאר אַ לָשׁוֹן רֶעדְסְטוּ פוּן אַזַא הֵיילִיגֶען דָנִיאֵל?

בן כספי: (שפעטיש) הֵיילִיגֶער דָנִיאֵל? אֵיין עוֹבֵר בָּטֵל אִיז עֶר, אַ חָסֵר דֵעָה, אַ מְשׁוּגָע׳נֶער.

אליקים: (גיט איהם א פאטש) נַא!

בן כספי: (חאפט איהם ביי דער בארד) חוּצְפָּה׳נִיק.

אליקים: (חאפט איהם אויך ביי דער באָרד) כֶּלֶב שֶׁבְּכָל הַכְּלָבִים! (ביידע האלטען זיך ביי די בערד און קוקען זיך אן וויטענד).

דוד: (זייער געשפרעך פארטזעטצענד) נָא? דַארְפְסְט נָאךְ הָאבֶּען אַבֶּעסֶערֶן בֶּעוַוייז אַז מִיר וֶוענֶען אַ זִוּוּג מִן הַשָּׁמַיִם.

יהודית: הָאסְט רֶעכְט דָוִד׳ל. (פרים) אוֹי גָאטֶענְיוּ! מַיין לִיעבּ דָוִד׳ל.

דוד: מַיין קְרוֹין פוּן דֶעם קָאפּ.

יהודית: מַיין גַאנְצֶע וֶועלְט (אומארמען זיך).

בן כספי: אָה...

אליקים: (עבענזאָ) אָה... (פאלען ביידע אויף דער ערד, ראנגלען זיך און קריעגען זיך ביז אלעם אב).

(בן כספי, אליקים פערפאָלגען זיך איינאנדער און קריעגען זיך ביז ביידע אַב. — דוד, יהודית ארויסטאַנצענד זינגען ביז אב).

פערוואנדלונג.

(דער טעמפעל. — פ א ל ק פון ביידע זייטען. — אויף די טרעפ פונ'ם ארון קודש שטעהט ד נ י א ל.

דניאל: וועהמען פון אייך, מיינע ברידער, איז דען נישט בעקאנט די וואונדערבארע געשיכטע פון די דריי פירסטענקינדער חנניה, מישאל ועזריה? ווייל זיי זענען טריי געבליעבען זייער גאט, האט זיי נבוכדנצר אין איין ברענענדען פייער געלאזט פארברענען, אבער די דריי הייליגע, האבען שפאצירט אין מיטען פייער ווי אין איין לוסטגארטען נישט א מאל דער ריח פונ'ם פייער איז אין זיי געקומען, איך דערמאן אייך דעריבער אין דיעזען וואונדערבארען ערייגניס, ווייל איך יעצט רוהען נישט די שונאי ישראל. יא, פערליימדעט האט מען אונז ביים קעניג, און ווער ווייסט? אפשר וועט מען אויך אונז וועלען צווינגען אונזער גאט אונטריי צו ווערען? זייט אלזא געפאסט מיינע ברידער אזוי ווי יענע הייליגע, חנניה מישאל ועזריה, זאלען אויך מיר מוטהיג און פריידיג זיין פערטיג אין פייער צו געהן פאר די וואהרהייט, שטערבען פאר אונזערע איבערצייגונג.

(אויפטריט ב ן כ ס פ י און מ ע ת ר ע ר ע מיט לערם).

בן כספי: א שעהנעם דאנק דיר דניאל פאר דיין עצה, איך האב עס שוין לאנג געזאגט אז דו און דיין פיהרעבק וועט אונז נאך פערפיהרען אין דער שאול תחתיה, פאר וואס האבען די שונאי ישראל אונז ביז יעצט צורוה געלאזט? דאס האבען דיינע רעוואלוציאנערע פלענע זיי געגעבען אונז אויפגעהעצט, און אזוי איינער ווי דו בּיזט אונזער פאר-

שְׁטֶעהֶער? הָאט אִיהר גֶעהֶערט יוֹדֶען, וָואס פַאר אַיין עֵצָה עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבֶּען? אִין פַייעֶר הַייסְט עֶר אוּנְז גֶעהְן. שְׁטַארְבֶּען הַייסְט עֶר אוּנְז. גֶעבְּטֶען הָאט עֶר אוּנְז גֶעהַייסֶען גֶעהְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן הַיינְט הַייסְט עֶר אוּנְז גֶעהְן אִין דְר'עֶרְד אַרַיין. נוּן זָאג אִיךְ, זָאלְּבֶּע פַארְשְׁטֶעהֶער ווִילֶען מִיר נִישְׁט הָאבֶּען, וֶועק מִיט דָנִיאֵל'ן. (בן כספי און זיינע רייכע ווילען צו געהן צו דניאל'ן).

אליקים: (שפרינגט אריין אין מיטען, צערווארפט זיי, שיצט דניאל'ן) וֶועה אִיז מִיר, יוֹדֶען שִׁיצְט אוּנְזֶער דָנִיאֵל'ן! אַרוֹים מִיט אַייךְ כְּלָבִים! אוֹיךְ אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ אַמָאל אַ גַאנְצֶע בַּאנְדֶע אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען קֹרַח מִיט זַיין עֵדָה, אוּן זַייעֶר סוֹף אִיז גֶעוֶועזֶען אַז דִי עֶרְד הָאט זִיךְ אוּנְטֶער זֵיי גֶעשְׁפָּאלְטֶען אוּן זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעזוּנְקֶען גֶעוָוארֶען! אָבֶּער בִּיז דִי עֶרְד וֶועט זִיךְ אַמָאל אוּנְטֶער אַייךְ שְׁפַּאלְטֶען וֶועלֶען מִיר אַייךְ דֶערְוַוייל אַייעֶרֶע קֶעפּ שְׁפַּאלְטֶען, אַרוֹים פוּן דֶעם מָקוֹם קָדוֹשׁ, אַרוֹים!

בן כספי: (מיט די רייכע) אַרוּנְטֶער מִיט דָנִיאֵל!

(ביידע פארטייען שרייענד, לערמענד הייבען זיך אן צו שלאגען).

(ז ר ו ב ב ל, לויפט אריין פערצווייפעלט).

זרובבל: הַאלְט אַיין! הַאלְט אַייךְ צוּרִיק! וֶועה, וָואס מוּז אִיךְ דֶערְלֶעבֶּען (דאנערט) צוּרִיק! (עס ווירד שטיל, צו דניאל'ן) יָא וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפִּירְכְטֶעט דָאס הָאט גֶעטְרָאפֶען! אוּנְאַיינִיגְקֵייט דָאס אִיז דִי קְרַאנְקְהַייט פוּן אוּנְזֶער פָאלְק זַייט אַייבִּיגֶע צַייטֶען! אוּנְאַיינִיגְקֵייט הָאט אוּנְזֶער בֵּית הַמִקְדָּשׁ חָרוּב גֶעמַאכְט, אוּנְאַיינִיגְקֵייט הָאט אוּנְז אוֹיס אוּנְזֶערֶעם לַאנְדֶע פֶערְטְרִיעבֶּען! אוּן אוּנְאַיינִיגְקֵייט מַאכְט אוּנְז צוּ שַׁאנְדֶע אוּן צוּ שְׁפָּאט פַאר דִי פֶעלְקֶער אִין אוּנְזֶער גָלוּת! (פויזע) אַנְשְׁטַאט אוּנְזֶערֶע קְרֶעפְטֶע צוּ פֶערְאַיינִיגֶען אוּנְזֶערֶע פַיינְדֶע צוּ בֶּעקֶעמְפְּפֶען וֶועלְכֶע זוּכֶען אוּנְז אַלֶע צוּ פֶערְנִיכְטֶען הָאבֶּען מִיר נָאךְ אִין אוּנְזֶער אַייגֶענֶער מִיטֶע שׂוֹנְאִים, אַייגֶענֶע שׂוֹנְאִים וֶועלְכֶע זֶענֶען אוּנְז נָאךְ פִיעל מֶעהר גֶעפֶעהְרְלִיכֶער (צו בן כספי) וָואס ווִילְט אִיהר? אַייךְ עֲשִׁירִים גֶעהְט עֶס דָא גוּט, וֶוענִיגְסְטֶענְס מֵיינְט אִיהר אַזוֹי, דֶערוּם קִימֶערְט אַייךְ נִישְׁט דִי צָרוֹת פוּן אַנְדֶערֶע! אַייעֶר עֲשִׁירוּת אִיז בַּיי אַייךְ טְהַייעֶרֶער פוּן אַייעֶר פָאלְקְס גְלִיק? נוּן וֶוער וֶועהְרְט אַייךְ דֶען

ווייטער דא צו בלייבען דאס וואס איהר ווענט? קענבט ביי אייערע שונאים אין דער פרעמדע, ווארום שטעהט איהר אונז אין וועג? מיר! מיר, וועלכע שטרעבען פרייע בירגער צו ווערען אין אונזערער אייגענען היימאטה?

בן כספי: ווייל איהר זוכט נאר אייערע אייגענע אינטערעסען! יא דו זרובבל ביזט אנ'אייניקעל פון יכניה מלך יהודא האסט דו דיך פערבענקט נאך א קעניגליכער קרוין? דניאל איז אמאל געוועזען מיניסטער ביי נבוכדנצר האט זיך איהם פארגליסט איצט נאך זיין פריהערדיגעם אמט, אט דאס איז אייער צוועק און נאר צוליעב דעם ווילט איהר ריזיקירען מיט דעם לעבען און מיט דער עקזיסטענץ פון אונזער פאלק? נין מיינע ברודער! לאזט אייך נישט אייערע קעפ פערדרעהען, לאזט אייך נישט!

אליקים: אז לאזען זאלסט דו דיין טריפה'נע נשמה (וויל צו צו איהם).

זרובבל: לאזט איהם רעדען.

בן כספי: ליעבע ברודער! בעדענקט וואס פאר א גליק האבען דען אונזערע עלטערן אין גאנצען געהאט אין ארץ ישראל? שטענדיג נאר מלחמות געפיהרט, שונאים פון אלע זייטען האבען אונזער בלוט ווי וואסער פערגאסען, ווייל צו זיין א פאלק פאר זיך אליין זענען מיר צו שוואך און צו קליין, פאר וואסזשע זאלען מיר בעסער נישט בלייבען איין קליינער טהייל פון א גרויסער מעכטיגער נאציאן פון די כלדעער דא אין בבל? דא וואו מיר לעבען זיך רוהיג, דא וואו מיר געניעסען אלע פריהייטען?

אליקים: אזא מזל אויף דיר מיט אונזערע פריהייטען.

זרובבל: מלחמות בן כספי? מיט מלחמות שרעקסט דו אונז? נו און דא אין דער פרעמד ווערד דען ווייניג אונזער בלוט פערגאסען? ווייניג פון אונזערע ברידער אפפערן זייער לעבען איבעראל אין יעדעם לאנד אין פרעמדע מלחמות? און וואס ערהייבען מיר ־אמיט: פרעמדע זענען מיר און פרעמדע בלייבען מיר. צו קליין זאגסט דו זענען מיר אום איין פאלק צו זיין? יא עס איז וואהר מיר זענען ווייניג, אבער קיין

פאלק אין דער וועלט קאן זיך ריהמען מיט אזוי איינען שטארקען גייסט מיט אזוי איינער ענערגיע וואו מיר בעזיצען, און דאס איז די הויפטזאכע! ניין מיין ברידער לאזט אייך דעם מוטה נישט רויבען דורך דיזען שונא ציון! מיר ווייסען עס גאנץ גוט דאס מיר וועלען דארטען אין ארץ ישראל נישט געפונען פערטיגע פאלאצען אום זיי שוין צו בעזעצען, מיר ווייסען עס דאס אונזער לאנד איז פערוויסטעט, אבער שטיינער זענען דארט גענוג דא, און געזונדע הענדע האבען מיר, דאס איז אונז גענוג! יא ברידער גרויס און שווער איז אונזער אויפגאבע אבער וואהל דעם וועלכער וועט דעם ערשטען פונדאמענט לעגען צו די גרויסע געביידע וועלכעס די וועלט וועט שפעטער בעוואונדערען!
(אויפשרייענד) הזורעים בדמעה ברינה יקצורו.

אליקים: (מיט אלע) הזורעים בדמעה ברינה יקצורו.

(טראמפעטענסיגנאל)

זרובבל: וואס בעדייטעט דאס? (אלע מורמלן).

(אויפטריט הויפטמאן, זמרי, מיליטער).

הויפטמאן: (אין מיטען ביהנע) אים נאמען פון קעניג בלשצר הערט מיך אויס! פערקלאגט האט מען אייך ביים קעניג דאס איהר זענט פעררעטהער, טריילאזע אונטערטהאנען, פיינדליך דעם לאנד און אונטריי דעם קעניג, אויף אונזערע געזעצע ווילט איהר נישט אכטען, און אונזערע געטער פערלאכט און פערשפאטעט איהר. דארום לאזט דער קעניג דורך מיינען מונד אייך פרעגען, איז די קלאגע געגען אייך, וואהרהייט? אדער נאר פערלייםדונג?

(אלע שוויגען).

זמרי: (שפאטיש) פערלייםדונג! געוויס איז די קלאגע געגען די יודען נאר פערלייםדונג! הא הא הא, דאך רעדע ווייטער.

הויפטמאן: ווען נאר פערלייםדונג בעווייזט עס איצט, אזוי איז דער בעפעהל פון קעניג און צוואר (געהט צו דער טהיר רופט נאר מיט דער האנד).

(אויפטריט זינגענד פריסטער קוליאן מיט אנדערע פיער, ברענגען א געצעלע אויף א טארמע שטעלען עס אין דערמיט ביהנע).

דניאל: אל אלהי ישראל, פערלאז אונז נישט!

אליקים: (צו בן כספי וויינענד) נו וואס זאגסטו צו די פרייהייטען וואס מיר געניעסען דא? (ווייזט אויף דעם געטצער).

בן כספי: (בייז) דאס איז אלץ דורך אייך!

הויפטמאן: און נון הערט דעם קעניגס פאדערונג! אום צו בעווייזען דאס איהר זענט טרייע אונטערטהאנען, דאס איהר ליעבט דעם קעניג, זיינע בעפעהלע רעספעקטירט, זאל איינער פון אייך דא אין טעמפעל אין געגענווארט פון אייך אלע צו דיעזעם גאט איין אפפער ברענגען, און דעריעניגער דער עס טהוט דער בעקומט דאס העכסטע עהרענאמט אין לאנד, אלזא ווער פון אייך וויל דער אויסערוועהלטער זיין?

(אלע קוקען זיך אן בעשטירצט און שווייגען).

הויפטמאן: איהר שווייגט?

זמרי: (טריומפירענד) חה חה חה איך האב עס פאראויס געזאגט! ווער נאך קען די יודען אזוי גוט ווי איך?

דניאל: (אויסער זיך) פערוואָרפענער משומד! דאס איז געוועזען אלזא דיין שלויער פלאן? דאס האסטו דעם קעניג אזוי איין ראטה געגעבען, אז ער זאל אונזער טריישאפט צו איהם אויף אזאלכע פראבע שטעלען? דען דו געוועזענער יוד, דו קענסט דאך אונזערע געזעטצע? דו ווייסט וואס עס הייסט ביי אונז עבודה זרה? מיר וועלען זיך ליעבער לעבעדיג פארברענען לאזען איידער אזא חילול השם צו בעגעהן!

זמרי: מיר זענען נישט אהערגעקומען צו דיספוטירען, ווילט איהר דיעזעם בעפעהל געהארכען אדער נישט.

זרובבל: (קלאפט זיך אין הארץ) האלט איין מיין הערץ, האלט דיך צוריק!

הויפטמאן: פיעלייכט ווילט איהר בעדענק צייט? זאגט מיר, עס איז דאך בעסער איהר זאלט עס טהון אוים פרייען ווילען און נישט ווארטען ביז מיר וועלען אייך דאצו צווינגען.

זרובבל: (אויפשרייענד) צווינגען? צווינגען האסטו געזאגט? געה פרעג דיין קעניג אויב ער קען די שטערען פון הימעל צווינגען זיי זאלען אבווייכען פון זייער רעגעלמעסיגען גאנג? אזוי קען ער אונז צווינגען אונזער רעכטען וועג צו פערלאזען.

הויפטמאן: דאן איז עס בעוויזען דאס די קלאגע געגען אייך איז איין גערעכטע, יא איהר וועט אלע פעררעטהער!

בן כספי: (שפרינגט צו) אלע? ניין נישט אלע! דען איך און די איבריגע גרויסע לייט מיר זענען די גרעסטע געגנער פון דניאל מיט זיין נאנצער סוויטע, מיר זענען דעם גנעדיגען קעניג בלשצר טרייע אונטערטאנען.

הויפטמאן: בעווייז עס! ווילסט דו דער אויסערוועהלטער זיין דעם קעניגס בעפעהל אויסצופיהרען און דאפיר דאס גרעסטע אמט צו בעקומען?

בן כספי: (בעגייסטערט) יא איך בין בערייט!

אליע: (ערציטערט אויפשרייענד) בן כספי! בן כספי!

בן כספי: (צו אליע) צוליעב אייך מיינע ברידער! דניאל אייער געוועזענער פארשטעהער הייסט אייך שטערבען, איך אבער, איך אייער צוקינפטיגער עלטעסטער, איך וויל אייך רעטען.

אליקים: (אויפשרייענד) ווער בעהט פון דיר טובות די פושעי באלקי ישראל? (וויל צו צו איהם) אט האסט דו דיר פריינהייטען.

הויפטמאן: (שמייסט איהם אוועק) צוריק! ווער עס וואגט איהם צו שטערען דער שטירבט

דניאל: (אויפשלוכצענד) גאט פון ישראל! שלאג מיינע אויגען מיט בלינדהייט אום דיעזע שאנדטהאט נישט צוזעהן צו מוזען!

זרובבל: אוי וואהר ווי עס לעבט איין גאט אים הימעל ווער עס בעגעהט דעם חילול השם דער זאל נישט לעבען.

אליקים: (וויינענד) יודישע קינדער רייסט קריעה! (אלע טהון עס).

הויפטמאן: אים נאמען פון קעניג געהט! פרימטער קוליאן בעגינע! (מען פיהרט צו בן כספי).

זרובבל: מיט אלע קרעפטע) ניין! אזוי ווי פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן אזוי וויל איך אויך איצט מקיים זיין קנאת ד׳ צבאות! (רייסט ארויס א זאלדאט דעם זעבעל) כופר בעיקר שמאנ״ב! (ער שטעכט בן כספי, כספי פאלט, מען פיהרט איהם ארויס).

הויפטמאן: וואס האסט דו געטהון?

זרובבל: פַאר מַיין גָאט וַואגֶע אִיךְ אַלֶעס! פַאר דֶעם גָאט וֶועלְכֶער הָאט אוּנְז גֶעבָּאטֶען „אָנֹכִי ד׳ אֱלֹקֶיךָ לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹקִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי“ (ער צערברעכט דעם געטצען) אַוֶועק מִיט דֶעם גֶעטְצֶען!

הויפטמאן: אוּנְגְלִיקְלִיכֶער! צִיטֶער פַאר דֶעם צָארֶען פוּן קֶענִיג!

זרובבל: לָאז דַיין קֶענִיג קוּמֶען עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיקְנֶעמֶען זַיין צֶערְבְּרָאכֶענֶען גָאט.

הויפטמאן: (צו דיא זאלדאטען) אוּמְרִינְגְט אַלֶע יוּדֶען! אוּנְטֶערְגִיבְּט אַייךְ! אִיהר זֶענְט מַיינֶע גֶעפַאנְגֶענֶע!

זרובבל: בְּרִידֶער! רַייסְט אַרוֹיס דִי שְׁטֵיינֶער אוֹיס דִי וֶוענְד אוּן צֶערְ־שְׁמֶעטֶערְט זַיי זֵייעֶרֶע קֶעפּ! (ווילד אויסשרייענד) „תָּמוֹת נַפְשִׁי עִם פְּלִשְׁתִּים“ (ווארפט זיך אויף דעם הויפטמאן און די זאלדאטען).

אליקים און ארע: תָּמוֹת נַפְשִׁי עִם פְּלִשְׁתִּים! (אלגעמיינער ווירוואר און געשלעג, דניאל בלייבט ביים ארון קודש מיט געפאלטעטע הענד און די אויגען צום הימעל, מוזיק שטורם, זמרי שפרינגט אויף צו דניאל׳ן און וויל איהם געפאנגען נעהמען, אליקים לויפט איהם נאך חאפט איהם פון אונטען, ראנגלען זיך, ווארפען זיך אים אלגעמיינער ווירוואר און געשלעג, די ביהנע ווערט בעלייכטעט בענגאליש).

(פ א ר ה א נ ג.

(ענדע פונ׳ם צווייטען אקט).

דריטער אקט.

(רער טראהן פון קעניג. — פריסטער קוליאן, — מעדכען זינגענד פון דרויסען און קומען אריענטאליש בעוועגענד. — דלילה'ס שטימע דאן ערשייגט זי).

פריסטער: אה דו ביזט עס דלילה? דער זעגען פון די היילינע געטער זאל אויסגעהן צו דיין קאפ (קנאפט זי אין דער באק).

דלילה: לאז מיך! זאג מיר קומסט דו פון קעניג? פארוואס ווער איך צו איהם נישט צוגעלאזט? פארוואס איז דער קעניג היינט אזוי שלעכט געלוינט?

פריסטער: האסט דו דען נאך נישט געהערט פון אונזער אונגליק?

דלילה: אונגליק? וועלכעס אונגליק?

פריסטער: אונזערע צוויי פיינד כורש און דריוש זענען שוין נישט ווייט פון באבילאן.

דלילה: (ערשראקען) וואס זאגסט דו? נון אונזערע בראווע זאלדאטען?

פריסטער: (וויינענדיג) האט מען אונטערגעהאקט די זייטען.

דלילה: און דער קעניג שווייגט?

פריסטער: אה ניין! שווייגען שווייגט ער נישט.

דלילה: וואס טהוט ער?

פריסטער: ער קרעכצט.

דלילה: ווער האט אזעלכעס ערוואַרטעט? אונזערע טאפפערע העלדער זאלען זיך לאזען בעזיעגען.

פריסטער: עס וואונדערט דיך? דאס איז דערפאר ווייל די געטער זענען אויף אונז בייז, ווייל מיר האבען זיך נאך נישט נוקם געוועזען אין די

יודען! עפּיס אַ קליינינגקייט וואס די יודען האבען אונז געטהון? זיי האבען אונז דער׳הרג׳ט אַ גאט, שטעל דיר פאר אז פאר אַ מענש הרג׳ענען קומט דער טוידט, וואסזשע פאר אַ שטראפע קאן שוין זיין פאר הרג׳ענען אַ גאט? אם ענדע איז נאך ביז איצט קיין איינציגער יוד נישט פארברענט געוואָרען, נישט געהאנגען, נישט געשטאכען, נישט געשאסען, גארנישט, נאר עטליכע פון זייערע עלטערען זיטצען אין געפענגניש, און דער הויפּטשולדיגער דער זרובבל דעם האט מען נאך גאר נישט געכאפּט!

דלילה: אַך מיין אַרמער קעניג! ערגערניסע און קרענקונג פון אַלע זייטען (צו די מעדכען) קומט מיט מיר!

פּריסטער: וואוהין?

דלילה: צום קעניג אום איהם מיט מיין געזאנג צו צערשטרייען אזוי ווי ער איז עס אימער געוואהנט!

פּריסטער: פאלג מיך און גיי נישט.

דלילה: פארוואס?

פּריסטער: ווייל ער וועט דיך הייסען ארויסוואַרפען.

דלילה: מיך? זיין געליעבטע דלילה?

פּריסטער: אַהא!!!

דלילה: וואס?

פּריסטער: זיין געליעבטע הייסט נישט מעהר דלילה נאר פּאלמירא!

דלילה: (וויטהענד) ווער? דיעזע יודין?

פּריסטער: נא וואס וואונדערטס דו דיך? אַ מענש מוז האבען אַב-וועקסלונג הַ הַ הַ (אב).

דלילה: ניין! דו זאגסט ליגענט! באלד וועל איך דיר בעווייזען דאס דער קעניג וועט ווידער צו מיינע פיס ליגען ווי אימער!

(אויפטריט קעניג, האפלייטע, פריסטער).

קעניג: (בייז צו דלילה) וואס איז דאס? ווער האט דיר דאס ערלויבט?

דלילה: מיין גנעדיגער קעניג! מיין געליעבטער (וויל פאלען אויף זיין ברוסט).

קעניג: (שליידערט זי וועק) אוים מיין אויג! פארט!

דלילה: צו קאן איין פערפלוכטע יודין אזוי דיין הערץ אומוואנדלען?

קעניג: פארט זאג איך, אדער ווילסטו די פייטשע?

פריסטער: (צו איהר) טראג דיך אב!

דלילה: (וויינענד) אה געטער! נור איהר קענט מיר העלפען.

פריסטער: ווי א טויטען באנקעס (פיהרט זי אב)

קעניג: (וויטהיענד) אזוי? אזוי? כורש און דריוש זענען נישט מעהר ווייט פון באבילאן? און די דריי פעלדהערען, וועלכע איך האב דעם פיינד ענטגעגענגעשיקט, האבען איהרע ארמעען אין שטיך געלאזט? און האבען נור זיך זעלבסט גערעטעט? אה וועלכע שמאך! וועלכע שאנדע!

הויפטמאן: (קומט האסטיג) דער קעניג זאל עוויג לעבען! עס איז אונז ענדליך געלונגען דען יודען זרובבל לעבעדיג צו פאנגען, אבער לײדער האט עס געמוזט פיעל בלוט קאסטען.

קעניג: דורך דער נאכריכט פון קריעגסשויפלאץ האב איך כמעט אן זרובבל פערגעססען, וואס זאגסטו? עס האט געמוזט פיעל בלוט קאסטען אום איהם צו פאנגען?

הויפטמאן: זעלטען מיין קעניג האב איך נאך זיינס גלייכען געזעהן, מיט אזוי פיעל מוטה און ריזענקראפט. בלויז מיט איינער קליינער צאהל פון זיינע גלויבענסברידער האט ער זיך בעפעסטיגט און פון זיינער קונסטפאלען בעפעסטיגונג האט ער אויף די אונזעריגען טויט און פערדערבען געשלײדערט, ערשט נאכדעם איך האב א בעפעהל געגעבען, פרויען און קינדער פון יודען פאר זיינע אויגען הינצושלאכטען ערשט דאס האט אויף איהם געווירקט, דען באלד האט ער אויסגערופען, לאזט די אונשולדיגע אפפער אין רוהע, איך אונטערגעב מיך.

קעניג: (קלאפט איהם אויף די שולטער שפעטיש) בראווא הויפטמאן! איין שעהן העלדענשטיק האסטו בעוויזען, אלזא נור אויף דיעזער ארט איז עס דיר געלונגען איהם לעבעדיג צו פאנגען? אום יענע שוצלאזע געשעפפט צו רעטען, האט ער זיך זעלבסט געאפפערט? האסטו איהם אהערגעברענגט? איך וויל איהם זעהען דעם עדעל-מוטהיגען העלד.

הויפטמאן: זאפארט מיין קעניג. (אב).

קעניג: זיך ועלבסט פאר די זייניגען געאפפערט, אה! איין זאלכער העערפיהרער ווי דיעזער זרובבל וואלט זיינע סאלדאטען נישט צוריקגעלאזט אויף דעם בלוטיגען שלאכטפעלד, אום זיין לעבען צו רעטען, אה גיבט מיר זאלכע פעלדהערען ווי אזוי איין זרובבל און איך וואלט מיר אונטערווארפען די גאנצע וועלט.

(זרובבל ווירד אריינגעפיהרט פון הויפטמאן אין קעטען).

קעניג: זרובבל, פאר דיין שווער פערברעכען זאלסטו שווער, זעהר שווער, בעשטראפט ווערדען, אבער דיין זעלטענער העלדענמוטה האט מיר איין זאלכע בעוואונדערונג פאר דיר איינגעפלעסט דאס איך בין בעריית, נישט נור דיך צו בעגנאדיגען, זאנדערן אויך דיך צו איינער הויכען ראנגע צו ערהעבען, אלעס וואס איך פערלאנג פון דיר איז נור דאס, דו זאלסט דיין פערברעכען אלס גאטעסשענדער ווידער גוט מאכען, דאמיט דו זאלסט אונזער גלויבען אננעהמען, פאלג מיין ראטה, זרובבל און אזוי גרויס ווי דניאל איז אמאהל געווען ביי מיין גראספאטער נבוכדנצר, אזוי גרויס וועסט דו אויך ביי מיר זיין. (פויזע — שווייגענד) און ווארום גיבסטו מיר קיין אנטווארט?

זרובבל: מיין אנטווארט האסט דו שוין געהאט ווען דו האסט דיינע געטצען אין אונזערן יודישען טעמפעל געשיקט, ביי דערזעלבען אנטווארט בלייב איך אויך ווייטער און קיינמאל וועל איך אנדערש נישט אנטווארטען.

קעניג: (וויטהענד) אה, געטער! נאך קיינמאל האט צו מיר יעמאנד אזוי פרעך געשפראכען ווי דער פערוועגענער יוד, לאזען די קעטען דיך ערינערן אין וועלכער לאגע דו דיך בעפינדעסט.

זרובבל: די קעטען, וועלכע איך האב מיר פרייוויליג געלאזט אנלעגען אום שולדלאזע פרויען און קינדער צו רעטען, די אייזערנע קעטען מאכען מיר מעהר עהרע ווי דיר דיין גאלדענע קראהן!

קעניג: אונגליקליכער! דו ווייסט נישט וואס דיך ערווארטעט?

זרובבל: און ווען עס וואלט אויף דער גרויזאמסטער טויד געוועזען, איין שענערען טויד ווי דיעזער וויל איך מיר נישט ווינשען.

קעניג: (נאך א פויזע) הער זרובבל מיין לעצטעס ווארט, איך האב מיט דיר מיטלייד, ביזט דו דען נישט איין קעניגסקינד? איין פרינץ אין דער געפאנגענשאפט? יא, איך וויל דיך געגען דיין ווילען גליקליך מאכען, איך פערלאנג פון דיר נישט דו זאלסט דיין גלויבען גענצליך ענטזאגען, בלייב אין שטילען ווייטער א יוד, און נאר צום שיין בעקעהר דיך עפענטליך צו אונזערן גלויבען, אום נאר דאס פאלק צו מאכען גלויבען, דאס דו בעריעסט דיין פערברעכען.

זרובבל: מיין קעניג! אזוי ווי איך דענק, אזוי רעד איך, און אזוי האנדעל איך, פערשטעלונגען און היכעליי זענען מיר פרעמד, און מעגסטו מיר דאס גרעסטע גליק פערשפרעכען, מעגסט דו מיך מיט דער שווערסטער שטראפע שרעקען, איך בלייב דער זעלבער דער איך בין.

קעניג: (אויסער זיך) האכמוטהיגער יודע! אזוי גנעדיג ווי צו דיר בין איך נאך ביז יעצט נישט געוועזען צו קיין מענש? און דו? דו טרעטסט מיין גיטע מיט די פיס? אזוי זאלסט דו יעצט אין מיר דעם טיראן קענען לערנען, דעם טויט ערווארטעסט דו! אה ניין, צו וועניג! דיך ערנידריגען וויל איך פריהער! דעם יודישען פרינץ וויל איך צום שפאט און געלעכטער מאכען? דער שטאלצער העלד זאל ביז צום טיער אראבזינקען! הויפטמאן לאז דיזען העלד איינשפאנען דארט ביים מיהלשטיין מיט דעם אקסעניאך אויף זיין האלז, לאז איהם דאראן זיין העלדענקראפט פרובירען, לאז אויך דאס פאלק דארט אהין צוזאמען קומען דאס זיי זאלען עס צוזעהן און זייער פריידע האבען אן דיזען יודישען קעניגסזוהן ח ח ח ח (לאכט שפעטיש ביז אב).

פריסטער: (שפעטיש) איין יודישער קעניגסזוהן מיט איין אקסעניאך אויף זיין האלז, ח ח ח ח.

זרובבל: (מיט די קייטען קלירענד אויפשרייענד) אה... (פאסט זיך באלד דעמיטהיג מיט די אויגען צום הימעל) ניין, ניין! איך פרעג דיך נישט מיין גאט ווארום עס קומט מיר! עס איז דיין היילינער ווילע איך בין עס מקבל באהבה! (אב).

אלע: (איהם פאלגענד שפעטיש) ח ח ח ח (אב).

פערוואנדלונג.

(דאס מיהלהויז. — אין דער מיט איין רונד גרויס ראד אנגעשפאנט א גרויסער מיהלשטיין מיט א שטאנג דאראן. — אויפטריט פ א ל ק, ד ל י ל ה, מ ע ד כ ע ן. — ז ר ו ב ב ל זינגט פון דרויסען סאלא, ערשיינט מיט איין אקסעניאך אויפ'ן האלז, ער ווערט בעפעסטיגט צו דעם שטאנג. — ה ו י פ ט מ א ן מיט א בייטש שמייסט איהם שנעלער צו געהן. — אלע לאכען, פרייען זיך, ביז זרובבל ברעכט צוזאמען. — אויפטריט ק ע נ י ג).

קעניג: פרעגט איהם ווידער אויב ער וויל זיך צום כלדעאישען גלויבען בעקעהרען.

זרובבל: (מיט די אויגען צום הימעל) עס איז דיין ווילע מיין גאט! שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד!

פערוואנדלונג.

(פארזאל ביים קעניג, ז מ ר י).

זמרי: (טריומפירענד) חה חה חה, זאג מיר דו יודישער גאט, וואו ביזטו? האסטו דען איינגעשלאפען? ווארום קומסט דו דען נישט צו הילף דיין אויסערוועהלטען פאלק? חה חה חה אין וועלכע לאגע געפינט זיך נעביך דער יודישער בן מלך זרובבל, און דער געטליכער דניאל און די איבריגע גדולי ישראל שמאכטען אין געפענגנים און ערווארטען געווים דעם טויט און דאס אלעס האבען זיי מיר צו פערדאנקען, חה חה חה! (שטאלץ) קיין מענש אין גאנצען לאנד איז נאך ביז יעצט נישט אזוי הויך געשטאנען ביים קעניג ווי איך, און אום מיין גליק צו פערפאלשטענדיגען האט מיר נור איינס געפעהלט דאס מיינע טאכטער וועלכע איך האב ליעב איבער אלעס אין דער וועלט, דאס זי זאל איהרע קינדישע פאנטאזיען פערגעסען, און אזוי איין זעלטען גליק פון זיך נישט פערשטויסען. (פרעהליך) און היינט ענדליך, היינט האט זי זיך

איבערלעבט, און איז שוין ווידער דא ביים קעניג אין פאלאסט. יא עס איז מעגליך דאס נאך היינט וועל איך, איהר פאטער, דער ערשטער זיין, מיין קינד אלס קעניגין פון באבילאן צו בעגריסען! (בליקט אויף) אה דארט זעה איך זי קומען, אין געשפרעך מיט דעם קעניג, איך וועל מיך צוריקציהען און געדולדיג אבווארטען דעם גליקליכען מאמענט פון מיין לעבען, אה טריומף, טריומף! (אב).

(אויפטריט קעניג, פאלמירא).

קעניג: אה, ווארום האסטו מיר קיין געלעגענהייט געגעבען דיך אזוי צו עמפפאנגען ווי עס איין צוקינפטיגע קעניגין געביהרט? אבער פאלמירא! ווארום דען אזוי ערנסט, אזוי נידערגעשלאגען?

פאלמירא: (וויינט) מיין קעניג! זעה מיך צו דיינע פיס אלס איינע בעטענדע! (קניעט).

קעניג: ניין, נישט אויפשטעהן וויל איך פריהער ביז דו האסט מיינע ביטע ערהערט, אה קעניג! איך ביטע אום גנאדע פאר די יודישע געפאנגענע.

קעניג: (צארניג) ווי? פאר אזאלכע פערברעכער איז פאלמירא געקומען בעטען?

פאלמירא: ניין, פאר די אונשולד איז מיין געבעט! מיט מיין לעבען גאראנטיער איך פאר זייער עהרליכקייט, פאר זייער טרייע, נאר צווינג זיי נישט אנצובעטען דאס וואס איז געגען זייער גלויבען, לאז זיי אונגעשטערט ווייטער בעטען צו זייער גאט, אה! גלויב עס מיר, אזוי איין הערשער וועלכער אונטערדריקט איין פאלק צוליעב דעם גלויבען, אזוי איין הערשער איז נאר איין פלוך פאר זיין לאנד, און איין שמאך פאר די גאנצע מענשהייט!

קעניג: (קוקט פערליעבט צו איהר) אה ווי בעצויבערט שטעה איך דא פון דיינע רייצענדע בליקען, פאלמירא, ענגעל, ווער קאן דיר ווידער-שטעהן? (הייבט זי צערטליך אויף).

פאלמירא: אזוי האסט דו מיין ביטע דערהערט?

קעניג: הער מיך פאלמירא! מיין צארן געגען די יודען איז געוועזן אזוי גרויס דאס איך בין געוועזן ענטשלאסען אלעס אויסצוראטען, אלעס

וָואס עס טְרַאגְט נָאר דֶעם נָאמֶען יוד, דוּ אָבֶער מַיין גוּטֶער עֶנְגֶעל, דוּ הָאסְט איצט מַיין צַארְן אויף מִיטְלֵייד פֶערְוַואנְדֶעלְט.

פאלמירא: (קישט די האנד) אָה ווי דַאנְקֶע איך דיר מַיין קֶענִיג!

קעניג: און נָאר אֵיינִינְגֶע וָועלְכֶע איך הָאבּ דָא אויף דֶער לִיסְטֶע (וויזט איהר) נָאר דִיעֶזֶע אַלֵיין מוּזֶען מִיט דֶעם טוֹידְט בֶּעשְׁטְרָאפְט וָוערֶען!

פאלמירא: (ערציטערט) הֵיילִיגֶער גָאט!...

קעניג: איך מוּז! שׁוֹין דֶעם פָאלְק אַלֵיין צוּ ליעב, אָבֶער שְׁרֶעק דיך נִישְׁט עס זֶענֶען נִישְׁט פִּיעל, קוּים אַ פָּאר דוּטְצֶענְד! דָא הָאסְט דוּ זֵיי אַלֶע אויף דֶער לִיסְטֶע (לעזט) דָנִיאֵל — עֶזְרָא הַסוֹפֵר — יֵשׁוּעַ כֹּהֵן גָדוֹל — מָרְדְכַי — זְרוּבָּבֶל...

(פ א ל מ י ר א, ביי יעדען נאמען אויסרופען ציטערט — ווי זי דערהערט זרובבל'ס נאמען, שרייט אויס, וויל פאלען).

קעניג: (האפט זי, בליקט זי פארשענד אן) פַארְוָואס הָאסְט דוּ גְרַאדֶע בַּיי דֶעם נָאמֶען אַזוֹי שְׁמֶערְצְלִיך אויסְגֶעשְׁרִיגֶען? (מיסטרויאיש) איז עֶר דַיין פֶערְ־וַואנְדְטֶער? אָדֶער?...

פאלמירא: (שלוכצענד) מַיין יוּגֶענְדְפְרֵיינְד איז עֶר! צוּזַאמֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסֶען זֶענֶען מִיר בֵּיידֶע, און זַייט אוּנְזֶערֶער קִינְדְהֵייט זֶענֶען מִיר צוּ אֵיינַאנְדֶער (צעגערט) שְׁוֶועסְטֶער און בְּרוּדֶער!

קעניג: עס טְהוּט מִיר לֵייד, עס טְהוּט מִיר ווירְקְלִיך לֵייד! דֶען גְרַאדֶע פַאר דֶעם זְרוּבָּבֶל הָאבּ איך בֶּעשְׁטִימְט דֶען קְוַואהלְפָאלְסְטֶען טוֹידְט!

פאלמירא: (קניעט, וויינט) אָה נֵיין נֵיין! אַזוֹי גְרוֹיזַאם וֶועסְט דוּ נִישְׁט זַיין!... אַךְ קֶענִיג! וֶוען דַיינֶע אוֹיגֶען קוּקֶען אויף מִיר נָאר פְרֵיינְדְלִיך לָאז מִיךְ נִישְׁט אוּמְזִיסְט קְנִיעֶן און בֶּעטֶען, דוּ בִּיזְט אַזוֹי מֶעכְטִיג, זַיי אויך גְנֶעדִיג!

קעניג: אוּמְזִיסְט פַּאלְמִירַא! איך בִּיטֶע דיך פֶערְלִיעֶרֶע מֶעהר קֵיין וָוארְט דַארִיבֶּער! דָנִיאֵל, זְרוּבָּבֶל און אַלֶע וָואס זֶענֶען דָא אויף דֶער לִיסְטֶע הָאבּ איך דֶעם טוֹידְט גֶעווייהֶעט, בַּיי מֵיינֶער קֶענִיגְלִיכֶע קְרוֹין הָאבּ איך עס גֶעשְׁווּארֶען, און קֵיין גָאט קָאן זֵיי מֶעהר נִישְׁט רֶעטֶען, גֶענוּג לָאזֶען מִיר דִי טוֹידְטֶע רוּהֶען! (ווידער צערטליך) פַּאלְמִירַא! דוּ בִּיזְט דָאךְ נִישְׁט בְּלוֹיז וֶועגֶען דִיעֶזֶען יוד גֶעקוּמֶען? פַּאלְמִירַא! ווייסְט דוּ ווי גֶעוֶועהְנְט איך הָאבּ מִיךְ נָאךְ דִיר? אָה זָאג עֶנְדְלִיךְ אַרוֹיס דָאס וָוארְט

אויף וועלכען איך ווארט שוין אזוי לאנגע! קום רייכע מיר דיין הערץ און האנד! (וויל זי אומארמען).

פאלמירא: (ענטרייסט זיך איהם). צוריק!

קעניג: ווי?! די האנד וויל דיך אויף דען קעניגליכען טראהן ערהעבען דיעזע האנד שטויסט דו צוריק?

פאלמירא: שוין זעה איך פליעסען דאס בלוט פון די גרעסטע מענער פון מיין פאלק דיין האנד האט דיעזעס עדלע בלוט פערגאסען און איין זאלכע מערדערהאנד וויל מיך אויף דען טראהן זעטצען? וואס איינענטליך זאל איך דען טהון אויף דעם בלוטיגען טראהן נעבען דיר? זאל איך צוזעהן ווי מיין אונגליקליך פאלק ווערט פון דיר מיסהאנדעלט און געשענדעט און איך זאל נישט קאנען העלפען? אה פערוועלקען זאל מיין האנד אויב זי וועט אמאל אין די דייניגע רוהען!

קעניג: פאלמירא!

פאלמירא: דו ליעבסט? חַ חַ חַ וועלכע ענטווייהונג פון דעם הייליגסטען מענשענגעפיהל! קאלט און גרויזאם געהסט דו מארדען מיינע ברידער און דאס רופסט דו ליעבע?

קעניג: קוים בעצוואונגע איך מיין צארן פערבלענדעטע, ווילסט דו דען מיין ליעבע צו דיר אין האס אומוואנדלען?

פאלמירא: (ביטער לאכענד) חַ חַ חַ דיין ליעבע צו מיר! הערע וועלט וואס ביי איינעם טיראן הייסט ליעבע!

קעניג: וואהנזיניגע נעם דיך אין אכט! דען דיעזע האנד וועלכע וויל דיך ערהעבען, דיעזע האנד קען דיך אויך צערשמעטערן, זרובבל זאל דיר אויך אלס ביישפיעל דיענען, איין געבארענער פרינץ איז ער און איך האב איהם ערניעדריגט ביז צום אקסען!

פאלמירא: זרובבל מיט דעם אקסענייאך אויף זיין האלז בלייבט דאך זרובבל איינער פון די גרעסטע מענער דער וועלט, וועלכערנאמען וועט אונשטערבליך בלייבען, און דיין שאמלאזע האנדלונג ערניעדריגט נישט איהם נור דיך! דו האסט יעצט בעוויזען דאס טראצדעם דו טראגסט א קרוין ביזטו נישט בעסער אלס איינע ווילדע בעסטיע!

קעניג: (לויפט ארום ווי וואהנזיניג, אפארט) און אידהר פאַטער האט מיר די גאַנצע צייט פאַרגעפלוישט דאס זי ליעבט מיך, (ביטער לאכענד) חַ חַ חַ חַ זי ליעבט מיך... איינע שעהנע ליעבעסערקלערונג האט זי מיר דא געמאַכט, זי ליעבט מיך האט ער מיר געזאגט, וואו איז ער דער פערדאמטער בעטריעגער? דער שופט, (רופט) הע דא, וואכע!

(אויפטריט הויפטמאן).

קעניג: (צו פאלמירא) דו מיינסט געווים איך וועל דיך לאזען טעדטען? אה ניין! דיעזעם פערגניגען וועל איך דיר אזוי שנעל נישט צוטהיילען, (צום הויפטמאן) האלט זי געפאנגען און ערוואַרטע מיינע וויטערע בעפעהלע! (געהענד) זי ליעבט מיך האט ער מיר איינגערעדט, חַ חַ חַ חַ

(ביטער לאכענד ביז אב).

פאלמירא: (פאלט אויף די קניע מיט אויסגעשפרייטע הענד) זרובבל רעטען קען איך נישט, דארום וויל איך אויך ווי דו ליידען און מיט דיר צוזאַמען אויך שטארבען! (שטעהט אויף) קום! זאל מען מיט מיר טהון וואס מען וויל, אזוי ווי מיין זרובבל אזוי וויל איך אויך אלעס מקבל זיין באהבה (אב מיט דעם הויפטמאן).

(אויפטריט זמרי, בליקט אין אלע זייטען).

זמרי: אזוי ווי אויף געגלידהטע קוילען אזוי אונגעדולדיג בין איך דארט געשטאַנען מיט דער ערוואַרטונג גערופען צו ווערען, אום ענדליך מיינע טאכטער אלס קעניגין פון באבילאן צו בעגריסען, אבער ניעמאנד איז געקומען און ניעמאנד האט מיך גערופען? דאך וואַרום זאל איך מיך וואונדערן? אין אזוי איין מאָמענט ווי מען בלייבט אליין אונטער פיער אויגען און מען ענטדעקט איינער דעם אנדערן דאס הערצעלע חַ חַ חַ, אין אזוי איין מאמענט פערגעסט מען דאך אן דער גאנצער וועלט געווים! אזוי איז עס, דאס איבערגליקליכע ליעבעספּאר איז יעצט צו פיעל מיט זיך זעלבסט בעשעפטיגט און דארום האבען זיי פערגעסען אן מיר, דעם הויפּטמחותן, נון נון שאדט נישט, (הייבט אויף די הענד צום זעגען) איך געב אייך פון וויטען מיין פעטערליכען זעגען צו אייערן גליקליכען בונד!

(אויפטריט קעניג פערטיעפט אין געדאנקען, ערבליקט זמרי).

קעניג: אה דו ביסט עס? איך האב געוואלט דיך עבען לאזען רופען.

זמרי: (אפארט) אהא, ער האט זיך דאך ערא־נגערט אן זיין צוקינפטיגען שוויעגערפאטער.

קעניג: ווי דו ועהסט בין איך א ביסעל אויפגערעגט...

זמרי: (אפארט) א וואונדער נו, נאך איינער ליעבעסערקלעהרונג אונטער פיער אויגען נישט צו זיין אויפגערעגט...

קעניג: איך מעכטע דיין ראטה הערען וועגען איינע פערזאן... נון דעם נאמען וויל איך דיר נישט זאגען, דאמיט דו זאלסט אונפארטייאיש אורטיילען! אלזא דענק דיך איינע פערזאן וועלכע איך האב געוואלט הויך בעגליקען, איז געוועזען אזוי פרעך מיינע הערצענסגיטע מיט שימפף צוריק צו ווייזען, וואס וואלט געוועזען דיין אורטייל איבער אזוי איינע פערזאן?

זמרי: (אפארט) זרובבל מיינט ער, יא! מען האט מיר ערצעהלט וועלכעס גליק דער קעניג האט איהם פארגעשלאגען און ווי פרעך ער האט אלעס צוריקגעוויזען.

קעניג: (בלייבט נעבען איהם שטעהן) נון! דו שווייגסט?

זמרי: איך דענק נאך מיין קעניג! איך זוך נאך איין שטראפע וועלכע זאל פאסענד זיין פאר אזוי איין פערברעכען.

קעניג: און די איז?

זמרי: דאס די פערזאן וועלכע דו מיין קעניג האסט געוואלט ערהעבען, זאל יעצט ערניעדריגט ווערען צום שפאט אלע מענשען! איין זאלכע פרעכע פערזאן וועלכע האט דיינע גיטע מיט די פיס געטרעטען זאל זעלבסט ווי איין ווארם מיט די פיס געטרעטען ווערען.

קעניג: בראווא זמרי! דיין אורטייל געפעלט מיר! און צום דאנק דאפיר וויל איך, דאס דו וועלכער האסט דיעזעס אורטייל אויסגעשפראכען, דו זעלבסט זאלסט אן דיעזער פערזאן דיין אורטייל פאלשטרעקען (בליקט אויף איהם מיט שאדענפריידע, געהט לאנגזאם אב).

זמרי: (פערבליפט) איך? בין איך דען איין הענקער? און ווארום האט ער מיך אזוי זאנדערבאר אנגעבליקט ועהרענד ער האט דאס אויסגעשפראכען? איז דאס אלעס וואס ער האט מיר צוזאגען? נון און פון מיין קינד האט האט ער מיר גאר קייןווארט געזאגט? וואס געהט דא אייגענטליך

פאר? (ציטערנד) וואס איז דאס פאר איין פארגעפיהל וועלכעס מאכט מיין בלוט אין מיינע אדערן ערפריערען? (קוקט זיך אום ענגסטליך) מיינע פאלמירא מיין געליעבטעס קינד וואו איז זי? (ער הערט אונטער די קוליסען פריסטער, הויפטמאן לאכען, לוישענד הינבליקענד) וואס איז דאס?!... דער פריסטער און דער הויפטמאן מיינע צוויי בעסטע פריינד (לוישט) זיי רעדען פון מיר און פון מיין קינד און לאכען? אזעלכע אינטימע פריינד ווי זיי ביידע זענען מיר... וואלטען זיי דען אזוי לוסטיג געלאכט ווען מיר זאל אנ'אונגליק בעפארשטעהען? ניין! וואהרהאפטיג איך קוועהלע מיך אומזאנסט!... זיי קומען דא אהער! איך וועררע אונבעמערקט זיי בעלוישען און מיך זעלבסט איבערצייגען וואס פאר א נאר איך בין! (ציהט זיך צוריק אין הינטערגרונד לוישענד).

(אויפטריט פריסטער, הויפטמאן)

ביידע: (לאכען) חחחח.

פריסטער: דו זאלסט געוועזען הערען מיט וואס פאר א שטאלץ ער האט די ווערטער אויסגעשפראכען (זמרי נאכאמענד) דענקע דיר יעצט מיינע מאכט און מיינע גרעסע! קעניג בלשצר מיין שווינערזאהן חחחה.

הויפטמאן: חחחח שוין האט ער געגלויבט דאס דער קעניג וועט אין זיינער האנד ווי איינע פופע זיין, דאס אין באבילאן וועט שוין אצינד נאר זיין ווילען אליין געלטען! (שפעטיש) אה!... א יודישער קאפף! (בעז) דען אין ווירקליכקייט ווער איז ער דען? דאך נאר איין יוד!

פריסטער: געוויס! און ווען ער זאל זיך אכטצעהן מאל איבערקעהרען, איין יוד בלייבט ער דאך!

הויפטמאן: גאנץ נאטירליך! אך ווי פרייט מיך זיין שרעקליכע נידערלאגע!

פריסטער: חחחחח אדאס הייסט אפאל אראב פון דעם זיעבעטען הימעל ביז טיעף אין דר'ערד אריין!

הויפטמאן: און ווי געפעלט דיר זיין אורטהייל וואס זיינע אייגענע ליפען האבען אויסגעשפראכען?

פריסטער: און איבער וועמען? איבער זיינע אייגענע טאכטער.

זמרי: (די גאנצע צייט מיט זיך קעמפפענד און זיך בעהערשענד שפרינגט איצט צו זיי צו ווילד אויפשרייענד) ניין, אונמעגליך! ליגנער! מיינע טאכטער זאגט איהר?

מיין קינד האט דער קעניג געמיינט? פאלש איז עס, יא אזוי פאלש ווי אייערע פריינדשאפט, עלענדע שורקען! איך האב אייך בעלוישט, יא איין יעדעס ווארט פון אייך האב איך געהערט.

פריסטער: (שפעטיש לאכענד) נו ווער עס שטעהט אונטער דער וואנד דער הערט זיין אייגענע שאנד (ביידע שפעטיש לאכענד ביז... אב).

זמרי: (קוקט זיי נאך פערבליפט, ציטערט) לעב איך? איז דאס אלעס ווירקליכ־קייט? אונמעגליך! אה ניין! עס איז בלויז אזוי איין טרוימערשיינונג! מיך קוועהלט נאר אזוי איין פירכטערליכער טרוים!... (ער הערט פאלמירא'ס שטימע) דיעזע שטימע!... דיעזע יאמערנדע טהענער... (ווילד) יא עס איז מיין קינד! מיין קינד וועלכעס ווירד אצינד געמארטערט, מיסהאנדעלט, און איך איהר אייגענער פאטער האב זי דערצו פער־אורטיילט!... אה פערפלוכט זייט איהר ליפען וועלכע קאנען אזוי איין שענדליכעס אורטייל אויסשפרעכען! (מיט הערצרייסענדע שטימע) אזוי אזוי?... גיבט עס אלזא דאך איין עוויגער ריכטער? און דערום האסט דו מיט מיר אזוי לאנג געוואַרט אום עס מיר אצינד מיט צינזען צו בעצאהלען? אזוי גיעסט ער אויף מיר אוים זיין צארן דו אל קנא ונוקם! אויף מיר נאר אליין! איך האב עס פערדיענט, איך משומד, איך מומר להכעיס, אבער וואס האסט דו צו מיין קינד? וואס האט מיין קינד געזינדיגט? ווארום זאל דיעזער גוטער ענגעל ליידען דורך מיינע זינד? ווארום?... (שטירצט ארויס יאמערנד שלוכצענד).

פערוואנדלונג.

(פרייער פלאץ — אין דערמיט איינע שאנדזיילע מיט איין שטיין בעפאר, פאלמירא שטעהט אויפ'ן שטיין מיט די הענד ארונטערגעבונדען צו דער שאנדזיילע, זינגענד, קלאגענד, — פאלק פון ביידע זייטען שפעטיש צייגענד אויף איהר. — דלילה וויטהענד מיט א בייטש, ערהעבט זי אום פאלמירא'ן צו פייטשען. — זמרי שטירצט אריין, ערבליקט עס, וויל פאלען דלילה'ן אין דער האנד אום איהר די בייטש צו ענטרייסען און פאלט מיט דעסגאנצען קערפער צו דער ערד אנידער פאר פאלמיר'ס פיס. — ביהנע בעלייכטעט בענגאליש).

פארהאנג.

פיערטער אַקט.

(דער קעניג זיצט אויף דעם טראָהן, נעבען איהם דלילה, הויפטמאַן, האָפּלייטע, פאַזשען עטצ. אלעס מיט בעכער ווין אין די הענד).

הויפטמאַן: דיזען בעכער ווין ערהעבע איך צו עהרען אונזערע טאַפּפערע בלדער די זיעגער וועלכע האבען אונזערע פיינדע די פערזער ווייט צוריקגעטריעבען פון די מויערן פון באַבילאָן!

אלע: הייל! הייל! הייל!

קעניג: (האלב בעטרונקען) און ווער האט דען נור איין מינוט אָן אונזערער שטערקע געצווייפעלט? יא, די מויערן אום באַבילאָן זענען אזוי שטאַרק בעפעסטיגט דאס נישט אמאל איין וועלט מיט פיינדע וועט אמאל אים שטאנדע זיין אונזער באַבילאָן צו עראָבערן.

הויפטמאַן: הייל אונזערן קעניג בלשצר דער זיעגער!

אלע: הייל! הייל! הייל!

קעניג: דלילה זינג עפּיס.

אלע: נעה דלילה זינג.

דלילה: (מיט איין בעכער ווין זינגט).

אלע: (אפלאָדירען) בראַוואָ!

קעניג: דלילה!

דלילה: (לויפט צו איהם קאָקעט) מיין קעניג!

קעניג: (שוין בערוישט, אומארמט זי) מיין פייגעלע, מיין טאַבעלע! ווי פערווינדיגט האב איך מיך געגען דיר, אין דיר האב איך געקענט פערגעסען דיך מיין קעצעלע דיך האב איך געקענט פערשטויסען? (וויטהענד) און

צוליעב וועמען? צוליעב איינע יודין? מיין קרוין האב איך איהר אנגעבאטען און זי? זי האט מיט שימפף מיך צוריקגעוויעזען (שרעקליך וויטהענד) וואו איז זי?

הויפטמאן: דא מיין קעניג! דא ווערט זי געבראכט ווי דו האסט בעפאהלען.

(מען ברענגט פאלמירא בלאס, אלע ציטערן מיט די פונגער אויף איהר שטיל רעדענד, דאן ברענגט מאן זמרי ווי וואהנזיניג, ביידע געקליידעט מיט קוטעס).

קעניג: (נאך פויזע) דלילה!...

דלילה: מיין קעניג!

קעניג: (ציינט אויף פאלמירא) ועהסט דו? דאס איז זי צוליעב וועלכער איך האב דיך צום טייפעל געשיקט! דיעזע שמאלצע יודין וועלכע האט נישט געוואלט מיינע קעניגין זיין, די זאל יעצט דיינע שקלאווין זיין!

זמרי: (ערציטערט, וויל פאלען)...

קעניג: (צו זמרי) און דו פאסע אויף! געבט איהם איינע פייטשע, (געשיהט) (ער נעהמט זי מעכאניש) יעדעס מאל ווען דו זעהסט פון איהר איין פעהלער, אזוי געברויכע די פייטשע, האסטו מיך פערשטאנען? דלילה! מאכע איין געברויך פון דיין איינגענטהום (וויזט אויף פאלמירא).

דלילה: (שטאלץ) היטהער צו מיר שקלאווין.

פאלמירא: (געהט לאנגזאם צו).

דלילה: (בעפעהלענד) איין בעכער וויין שנעל.

פאלמירא: (זוכט מיט די אויגען נאך דעם וויין).

דלילה: (אונגעדולדיג) נון? ווי לאנג וועסט דו מיך לאזען ווארטען? האסטו נאך היינט נישט געגעסען? וואו איז מיין בעכער וויין? (ווארפט איהר א בעכער).

קעניג: (מיט שאדענפריידע לאכענד) חה חה חה.

אלע: חה חה חה.

(זמרי פערליערט די פייטשע פון דער האנד, בייסט די ליפען, ציטערט, און באלט די פויסטען פאר וואוטה, פאלמירא האט געפונען וויין איינגעשענקט גיט דלילהין).

דלילה: (שרייט) פארזיכטיג (היט זיך דאס קלייד) נעם דיך אין אכט וועמען דו בעדיענסט. (נעמט דעם בעכער) יעצט פארט אוים מיינע אויגען!

פאלמירא: (וויל אב).

דלילה: וואוהין שקלאווין? היעהער צו מיר! נון ריהר דיך, בינד מיר פעסטער צו מיינע סאנדאלען (שטרעקט אוים איין פוס. פאלמירא קניעט און פאנגט אן צו בינדען).

קעניג: בראווא דלילה! חה חה חה.

אלע: חה חה חה.

זמרי: (שטיל וויינענד) ווי ערגעבען, ווי שטיל, ווי פרום און געדולדיג זי ערגיבט זיך איהר שיקזאל! (שלוכצט) אה בין איך דען ווערטה אזוי איין טאכטער צו בעזיצען? דו רייגער, דו הייליגער מלאך פון דעם הימעל (בליקט מיט וועהמוטה אויף איהר).

דלילה: (שרייט פלעצליך אויף) אה... נישט אזוי שטארק (וויטהענד) טהוסטו דאס צופלייס מיר וועה צו טהון, דו פערדאמטע שקלאווין? (אלע לאכען זי גיט איהר מיט'ן פוס א זעטץ דאס פאלמירא פאלט ריקווערטס צור ערד. זמרי טהוט איין ערשטיקטען שמערצענסשריי).

קעניג: (צו זמרי) נון ווארום טהוסטו נישט דיינע פפליכט? ווארום מאכסט דו... יין געברויך פון דער פייטשע? (וויזט אויף פאלמירא).

זמרי: (ווי וואהנזיניג אויפשרייענד) די פייטשע? יאה, (הייבט זי אויף) געברויכען וויל איך די פייטשע, אבער נאר פאר אזוי איינען טאלען הונד ווי דו ביזט... (וויל זי איבער'ן קעניג אויפהייבען).

אלע: (אויפשרייענד) אה! (מען פאלט איבער איהם שלאגענד און בינדענד).

פאלמירא: אה מיין פאטער! מיין ארמער פאטער! אזוי פיעל אונרעכט ער איז אין זיין לעבען בעגאנגען אבער מיין פאטער איז ער דאך, דאס איז געוויס אונזער לעצטעס צוזאמען זיין אויף דיעזער ערדע, לאז מיין קינד דיך אומארמען, צום לעצטען, צום לעצטען מאל!

זמרי: (שלוכצענד) ניין, נישט אן דיין ברוסט, נישט אן דיין ריין עדעל הארץ דארפסטו צודריקען דיעזען אונווירדיגען! (ווארפט זיך אויף דער ערד פאר איהרע פים) דא אין שטויב פאר דיינע פים לאז מיך ליעגען דו הייליגע מערטירערין.

קעניג: (צארניג) פארט מיט איהם!

זמרי: ניין קעניג בלשצר! טריומפירע נאך נישט, לאז מיין ענדע אויך דיר

אַלְם וַוארְנוּנְג דִיעֶנֶען, אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ אִיבֶּער מֵיין גָאט אוּן אִיבֶּער מֵיינֶע אָרְמֶע בְּרִידֶער אַזוֹי שְׁפֶּעטִישׁ גֶעלַאכְט וִוי דוּ יֶעצְט אִיבֶּער מִיר, אָבֶּער וֶועה, וֶועה מֵיין שֶׁענְדְלִיךְ מֵיין בִּיטֶער עֶנְדֶע, אוּן צִיטֶער אוֹיךְ דוּ פַאר דֵיין עֶנְדֶע! (אבגעפיהרט פון סאלדאטען. פאלמירא בעגלייט איהם שלוכצענד).

קעניג: וואוּהִין שְׁקְלַאוִין? גֶעבְּט אֵיינֶע הַארְפֶע, מֵיין גְרָאסְפַאטֶער נְבוּכַדְנֶצַר וֶוען עֶר הָאט דִי יוּדֶען בֶּעזִיעגְט הָאט עֶר פוּן זֵייעֶר בֵּית הַמִקְדָשׁ פִיעל קָאסְטְבַּארֶע זַאכֶען מִיט זִיךְ אַהֶערְגֶעבְּרַאכְט, אָבֶּער זֵייט דַאמָאלְס לִיעגֶען זֵיי אוּנְבֶּערִיהְרְט אוּן קֵיינֶער הָאט פוּן זֵיי נִישְׁט אֵיין גֶעבְּרוֹיךְ גֶעמַאכְט, אִיךְ אָבֶּער, אִיךְ ווִיל עֶס יֶעצְט טְהוּן, אִיךְ ווִיל אֵיינְמָאל זֶעהְן וָואס דֶער יוּדִישֶׁער גָאט וֶועט דַאצוּ זָאגֶען וֶוען פוּן דִי הֵיילִיגֶע כֵּלִים פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, פוּן דִי זֶעלְבֶּע כֵּלִים זָאל מֵיינֶע מֶעטְרֶעסֶע וֵויין טְרִינְקֶען! חַ חַ חַ נִישְׁט וָואהר מֵיין דְלִילָה? חַ חַ חַ חַ.

אלע: חַ חַ חַ חַ.

הויפטמאן: (צו אייניגע פאזשען) קוּמְט! (אב מיט זיי).

קעניג: אוּן וֶועהרֶענְד מִיר פוּן דִיעֶזֶע יוּדִישֶׁע גֶעפֶּעסֶע טְרִינְקֶען, זָאלֶען מִיר אוֹיךְ יוּדִישֶׁע מוּזִיק הֶערֶען נִישְׁט וָואהר? חַ חַ חַ חַ.

אלע: חַ חַ חַ חַ.

קעניג: (צו פאלמירא'ן) שְׁקְלַאוִין! טְרָאג אוּנְז פָאר אֵיין שֶׁעהְנֶעס לִיעד פוּן צִיוֹן.

אלע: בְּרַאוָוא!

(וועהרענד זיי זינגען ווירד הערייגגעבראַכט ערשטענס דיא מנורה, דאן פער־שיעדענע געפעסע אלע נאך פארשריפט דער ביבעל פערפערטיגט. קעניג און דלילה טרינקען דארויס וויין).

פאלמירא: (שמייסט אוועק די הארפע אויסשרייענד) גָאט פוּן יִשְׂרָאֵל! וַוארוּם לָאסְט דוּ דֶען פֵיינְד דֵיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען אַזוֹי לֶעסְטֶערְן? „לָמָה יֹאמְרוּ הַגוֹיִם אַיֵה אֱלֹקֵיהֶם” (איין פורכטבארער דאָנערשלאג, עס ווירד מיט אמאָהל פינסטער. — אים הינטערגרונד ערשיינט איין בלויזע האנדשרייבענד אדער א טאפעל לאָזט זיך אראָב מיט פייעריגע בוכשטאבען „מני מנא תקל ופרסין” אלע שרייען ערשאָקען אויף, צייגען אויף די בוכשטאבען). — דער קעניג ליעגט אויף דער ערד און ציטערט).

הויפטמאן: זֶעהט אוּנְזֶער קֶעניג!

קעניג: ווי זאָל איך מיר דאס רעטהזעל ערקלערהרען? רופט מיר הער מיינע שטערנזעהער, מיינע וואהרזאגער, מיינע פּריסטער, שנעל!

הויפּטמאַן: מיין קעניג, ווי איך האב געהערט האט נאך אין נבוכדנצר׳ס צייטען דער יוד דניאל זיך אין זאלכע זאכען בעריהמט געמאַכט.

קעניג: לאז אויך דער יוד דניאל אַהער קומען (הויפּטמאַן אב) רופט אויס אין מיין נאמען, דאס ווער עם וועט מיר די שריפט לעזען און דייטען, דעם וועל איך לאזען קליידען אין פּורפּור און מיט איין גאלדענע קייט אויף זיין האלז, און איך שענק איהם איין דריטעל פון מיין רייך. (ערבליקט פאלמיראין) אה! אין דיר פּאַלמירא האב איך אין גאנצען פערגעסען, (ביטענד) קום נעהער פּאַלמירא, דו ביזט דאך יא איין קינד אוים דעם יודישען פאלק, קאנסטו מיר דאס רעטהזעל אויפלעזען? טהוע עם פּאַלמירא, איך בעט דיך!

פּאַלמירא: הַ הַ הַ הַ (טריומפיערענד) דו ביזט דאס קעניג בלשצר? וואהר-האפטיג, איך דערקאן דיך נישט מעהר, איז דאס דערזעלבער בלשצר וועלכער האט ערשט פאר איינינע מינוטען אַזוי אויסגעלאסען און אזוי שפּעטיש געלאכט איבער דעם יודישען גאט? יעצט לאכסט דו נישט מעהר? אַזוי לאַך דו יעצט מיין פאלק, לאך און פרייע דיך, דען זעהע, איבער דיר וואכט נאך אימער דיין גאט דיין הימלישער פאטער!

קעניג: (וויטהענד) אה פערפלוכטעס ווייב! גלויבסט דו איך בין שוין געפאלען און דו טריומפירסט שוין איבער דעם געפאלענען פיינד? ניין, אַזוי איין פריידע זאלסט דו נישט דערלעבען! קאוּט זי פערברענען ביים לעבעדיגען לייב!

פּאַלמירא: (אומרינגט פון סאלדאטען) און מיטען אין דען פייערפלאמען אַזוי לאַנג מיין אטהעם וועט מיר דיענען, וועל איך נישט אויפהערען צו שרייען „הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל״.

(אויפטריט הויפּטמאַן, מעלרעט).

הויפּטמאַן: די פּריסטער און די שטערנזעהער!

(אויפטריט פריסטער קוליאן, שטערנזעהער).

פּריסטער: (הייבט די הענד) דער זעגען פון די געטער זאל אויסגעהן צו דיין קאפּ און צו אלע איערע קעפּ...

קעניג: האט איהר מיין בעפעהל פערנאמען? קאנט איהר דאס לעזען און דייטען?

פריסטער: וואס קאן דיין היילינער פריסטער דען נישט? (געהט צור שריפט — רייבט זיך די אויגען — שטעלט זיך אלע מאל אין איין אנדערער זייט.

קעניג: (אונגעדולדיג) נון?

פריסטער: (פערדריסליך אפארט) נו? קאן מען נישט פלאצען? אזא גרויסען לאהן צו בעקומען פאר אזא קליינינקייט? און אזא קליינינקייט נישט צו קאנען?

קעניג: (בעז) ווארום שווייגסט דו?

פריסטער: (ערשראקען געהט צו איהם) דער וועגען פון די היילינע געטער זאל...

קעניג: (וויטהענד) צור העלע מיט דיר! (פריסטער שפרינגט צוריק ערשראקען).

(אויפטריט הויפטמאן, מעלדעט).

הויפטמאן: דער יודע דניאל!

(אויפטריט דניאל).

קעניג: דניאל! איז דיר מיין בעפעהל בעקאנט?

דניאל: מיין קעניג! דיינע געשענקע מעגסט דו פאר דיר בעהאלטען, יעדאך די שריפט לעזען און דייטען וועל איך דיר אונענטגעלטליך, (פראפעטיש) הערע מיך בלשצר! נישט פרעמד איז דיר די פורכטבארע שטראפע וועלכע דיין גרויספאטער נבוכדנצר האט ערליטען ביז ער האט אנערקענט דאס עס הערשט אויף דער וועלט איינער וועלכער קאן אויך מיט קעניגע טהון וואס ער וויל! און דענאך האסט דו געהאט די פרעכהייט דיזען איינען גאהרען גאט צו לעסטערן, דיין פאלק צו מיסהאנדלען, און דיזע היילינע כלים פון זיין טעמפעל צו ענטווייהען! דארום לאזט דיך גאט דיין שיקזאל וויסען דורך דיזע שריפט! (צייגענד) מנא מנא געצעהלט האט גאט די יאהרען פון דיין רעגירונג און מאכט איהר אצינד איין ענדע! תקל געוואגען האט גאט דיינע טהאטען און דאך צו לייכט געפונדען! ופרסין צוטיילט ווירד דיין קעניגרייך צווישען דיינע צוויי פיינדע כורש און דריוש! (טראגי-פעטנישאל מיט פויקען און געשריי).

קעניג: (אין אליז ערשרעקען) וואס איז דאס?

הויפטמאן: (שטירצט אריין יאמערנד) רעטעט אייך!

ארע: וואס?

הויפטמאן: כורש האט אונז פלעצליך איבערראשט! באבילאן איז געפאלען.

קעניג: ווי?

הויפטמאן: מיר זענען בעזיעגט! מיר זענען פערלארען. (אלע לערמענד או שרייענד אין פערשיעדענע זייטען אב).

קעניג: (בלייבט אליין ווי געלעהמט אוים איבערראשונג) ניין! ניין! ניין זאג איך! דאס איז גאר נישט מעגליך! (שרייט) לאזט אלע זאמלען צום קאמפף! אלע אהנע אויסנאהמען! מוטה מיינע בראווע קלדעער, כורש מוז נאך פאר מיינע פים ליעגען! (וויל אב, עס קומט איהם א קעגען זמרי אבגעריסען, עס שלעפט זיך איהם נאך די שטיקער קעטען.

זמרי: דאס ערלעבסט דו נישט מעהר!

קעניג: (ערשראקען) ווער ביזט דו? האט דיך די העלע אויסגעשפיגען?

זמרי: יא דען דאס פורכטבארע געפענגניס אין וועלכער דו האסט מיך געלאזט אריין ווארפען איז געראדע ווי די העלע! אבער נישט אומזיסט האט מיר נאך גאט אזויפיעל קראפט געגעבען אום מיך געוואלטזאם דארוים צו בעפרייען! נאך איינע גוטע טהאט בעגעהען צו קאנען פאר מיין טוידט האב איך מיך ביי גאט געבעטען און ער האט מיין געבעט דערהערט נאך איינע גוטע טהאט — די לעצטע! די לעצטע! (ווארפט איהם צום דער ערד, ווארגט איהם).

קעניג: (וועהרט זיך) פערפלוכטער יוד לאז מיך צורוה!

זמרי: וואו איז מיין קינד? איז עס וואהר דאס דו האסט בעפאהלען זי צו לאזען פערברענען? איז עס וואהר?

קעניג: (ערשטיקט) לויף... שנעל... נאך... קענען... רעטען... לויף... שנעל!

זמרי: חה חה חה אזוי ענגסטליך ביזט דו אום איהרע רעטונג? דענקסט דו דיך אזוי פון מיר צו בעפרייען? יא איך לויף, אבער נישט פריהער ביז דו וועסט דיין לעצטען אטעם אויסגעהויכט האבען! (ציהט דען קעניגס זעבעל און שטעכט איהם מעהרערע מאל) אזוי אזוי... חה חה חה „כן יאבדו כל

אויבען ד׳ און אצינד צו מיין קינד, צו מיין קינד (מיט דעם זעבעל אין דער האנד, אב).

העניג: (אויף דער ערד זיך וועלצענד) הילפע! הילפע! וואו זענט איהר אלע?

(אויפטריט דלילה, מעדכען).

דלילה: שנעל מיר נאך! דארט איז איין אונטעראירדשער גאנג דארט קאנען מיר פאר דען פיינד ענטרינען, קומט!

העניג: דלילה... קום אהער צו מיר! העלפע דיין קעניג.

דלילה: (פון וויטען) מיין לעבען איז מיר ליעבער (אב מיט די מעדכען).

פריסטער: (לויפט זיי נאך) דלילה! דלילה נו ווארט אויף מיר דען היילינגען פריסטער.

העניג: פריסטער... העלף מיר אויפשטעהן איך בין טעדטליך פערוואונדעט.

פריסטער: איך האב דיך אין דר׳ערד (שרייט) דלילה... דלילה׳ניו (אב).

(טראמפעטענשאל מיט פויקען. אליקים׳ס שטימע פון דרויסען).

אליקים: יחי המלך כורש.

שטימען: הידד! הידד!

זרובבל: (פון דרויסען) בעזעצט אלע טויערן בעוואכט אלע אויסגענגע, לאזט ניעמאנדען ענטרינען (ערשיינט געפאלגט פון פערזער) דא, דא איז דער טיראן!... שטערבענד? איז שוין איין אנדערער מיר צופאר געקומען? און מיינע פאלמירא? (זוכט אין אלע זייטען). וואס איז אויס מיין פאלמירא געווארען?

העניג: (מיט לעצטער קראפט) דיינע פאלמירא? דיינע? ח ח ח חא האב איך וועניגסטענס מיינע ראכע! הערע יודע און שוידערע! דיינע פאלמירא איז שוין אצינד איין הויפען אשע.

זמרי: (פון דרויסען שרייענד) ניין טיראן דו ליעגסט (שטירצט אריין, די קליידער צוריסען דאס געזיכט מיט בלוטיגע וואונדען ער האלט די אהנמעכטיגע פאלמירא אויף די הענד, מיט לעצטער קראפט אייכשרייענד און וויינענד פאר פריידע) דא איז מיין קינד געראטעט! (בריכט צוזאמען פאלט צו זרובבל׳ס פיס).

זרובבל: (ערגרייפט פאלמירא) פאלמירא! מיין ענגעל! מיין זיסעס ווייב!... דרוקט זי צו דער ברוסט קישענד).

פאלמירא: (ערוואכט, דערזעהט זמרי) מֵיין פַאטֶער... רֶעטֶע מֵיינֶען פַאטֶער!
וֶעהֶע דַיינֶע וואונדֶען! דַיין לֶעבֶּען הָאט עֶר פַאר מַיינֶעם גֶעאָפְּפֶערְט!...

זמרי: מֵיינֶע לֶעצְטֶע מְהַאט... מֵיינֶע לֶעצְטֶע... גוטֶע... טְהַאט... לֶעבְּט
גְלִיקְלִיךְ מַיינֶע קִינְדֶער... גֶעדֶענְקְט צוּם גוטֶען אֵייעֶרְן פָאטֶער!
(שטארבט).

(גראסער קראך, דער הינטערגרונד פערשווינדעט מען זעהט איינען פרייען פלאטץ).

פ א ר ה א נ ג.

עפּילאָג.

(אליקימ׳ס הויז. — אליקים קומט זיגענדיג טאנצענד חאלט ביי דער האנד יהודית).

אליקים: (אינמיטען טאנצען) אָבּער יְהוּדִית׳ל, די טאַנצט נִישְׁט? די שְׁלָאפְסְט מיט חֵשֶׁק! טאנצט מיט איהר שטארקער און איין פערגאמענט פאלט ארויס פון בוזעם).

יהודית: טאַטעניו האָסְט עֶפֶּעס פֶאַרְלוֹירֶען (הייבט אויף) וָואס אִיז דָאס?

אליקים: הָאבּ אִיךְ דִיר נָאךְ נִישְׁט דֶערְצֶעהְלְט? הֶער טֶעכְטֶערִ׳ל, (לעזט) „כֹּה אָמַר כּוֹרֶשׁ מֶלֶךְ פָּרַס" אַזוֹי זָאגְט כּוֹרֶשׁ דֶער קֶענִיג פוּן פֶּערְזִיֶען! אַלֶע קֶענִיגְרֵייכֶע דֶער וֶועלְט הָאט מִיר גָאט גֶעגֶעבֶּען און עֶר הָאט מִיר גֶעבָּאטֶען פָאר אִיהם אַיין הויז צו בּוֹיעֶן אִין יְרוּשָׁלַיִם אִין דֶעם לַאנְד יְהוּדָא! (צו איהר פרעהליך) דָאס מֵיינְט עֶר אַ נַיי בֵּית הַמִקְדָשׁ! וֶוער פוּן אַייךְ פוּן דֶעם יוּדִישֶׁען פָאלְק עֶס וִויל נָאךְ יְרוּשָׁלַיִם צוּרִיקְגֶעהְן זָאל גֶעהְן מִיט גָאט! וֶוער אָבֶּער עֶס וִויל דָא צוּרִיק בְּלֵייבֶּען, זָאל מִיטְשְׁטֵייעֶרְן גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, אוּן פוּן אַלֶעם וָואס עֶר פֶערְמָאגְט, אוּם מִיטְצוּהֶעלְפֶען גָאטֶס הויז וִוידֶער אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן! (שרייט אויס אויסער זיך פאר שמחה) גֶעוואַלְט! שְׁרֵיי אִיךְ! אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אִיךְ זָאל חָלִילָה נִישְׁט מְשׁוּגָע וֶוערֶען פָאר שִׂמְחָה, מִיט חֵשֶׁק טֶעכְטֶערִ׳ל (טאנצט) אַה וָואס אִיז דָאס? אַזוֹי פְרֵייסְטוּ דִיךְ אוֹיף דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה?

יהודית: (הליבעט) וָואס רֶעדְ אִיךְ פְרֵיי מִיךְ נִישְׁט? גֶעווִיס טַאטֶעניוּ, גֶעוִויס אִיז אוֹיף מִיר אוֹיךְ אַיין שִׂמְחָה (חליבעט).

אליקים: אַ שִׂמְחָה מִיט דֶעם נִיגוּן פוּן קִינוֹת?

יהודית: אַי טַאטֶעניוּ! אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ וֶועל דִי שִׂמְחָה חָלִילָה נִישְׁט דֶערְלֶעבֶּען.

אליקים: אוֹי וֶועה אִיז דִיר קִינְדֶעניוּ, גָאט אִיז מִיט דִיר! וָואס רֶעדְסְטוּ? פִיהְלְסְטוּ דִיךְ חָלִילָה קְרַאנְק?

יהודית: איך וויים נישט!

אליקים: וואס הייסט? די ווייסט גאר נישט צו די ביזט קראנק?

יהודית: איך וויים נישט טאטעניו צי דאס וואס איך פיהל צי הייסט דאס א קרענק צו זיין.

אליקים: (ענגסטליך) וואסזשע פיהלסטו? יהודית'ל נעהם מיר נישט ארוים די נשמה, זאג דיין טאטען וואס דו פיהלסט?

יהודית: עס ברענט מיך אים הארץ.

אליקים: זאל איך דיר געבען וואסער?

יהודית: (וויינט) אה נישט אלע וואסערן דער וועלט קענען לעשען אזא פייער.

אליקים: (קוקט זי אן) אה? מיינסטו נישט אפשר בן כספים זונדעל? איז ער דער מאכער?

יהודית: (זיפצט) אוי דוד'ל...

אליקים: האב איך דיר נישט אנגעזאגט אז דו זאלסט דיר איהם ארויס-שלאגען פון דיינע געדאנקען? אזוי פאלגסטו א טאטען?

יחודית: געוויס פאלג איך דיך, איך האלט איהם אין ארויסשלאגען פון מיינע געדאנקען.

אליקים: נו?

יהודית: (וויינט) ער האט זיך אראנגעצויגען און וויל נישט ארוים!

(אויפטריט זרובבל)

אליקים: (דערזעהט איהם שרייט אויף) געוואלד! וואס פאר א טהייערן גאסט זעה איך ביי מיר אין שטוב (פערנייגט זיך) ברוך הבא... ווער איז מיר ברוך הבא הונדערט טויזענד מיליאנען מאהל ברוך הבא, טעכטעריל, שנעל א בענקיל! זיי מיר טויזענד מאהל מוחל ערהאבענער זרובבל! זיי מיר מוחל וואס איך שטעל דיר נישט אנאלדענע שטוהל, השי"ת איז יודע האמת איך האב נישט.

(יהודית ברענגט א הילצערן בענקיל, אליקים פראשעט און ווישט עס אפ און שטעלט עס זרובבל'ן).

אליקים: אוי איך פינסטערער דלות! מ'ט וואס נעהם איך אויף אזא טהייערן גאסט... (פראשעט אפ דעם שטויב פון זיינע קליידער קישט זיין מאנטעל).

זרובבר: (גוטמוטהיג לאכענד) נישט אזוי איבערראשט אליקים. איינע וויכטיגע זאכע האט מיך צו דיר געבראכט.

אליקים: צו מיר? צו דעם קבצן? צו דעם גאר נישט?

זרובבל: (גלעט יהודיתיל) איז זי דיין טאכטער?

אליקים: איינם און א רעכטם! (שטיל צו איהם) א כשרה נשמה! א צדקת! אזא יאהר אויף דעם טאטען (שטיל צו איהר) דאס איז דאך זרובבל! דער גרויסער זרובבל!

יהודית: (ברימט צו זרובבל) ברוך הבא בשם ד׳!

זרובבל: (קישט איהר שטערן) זאג מיר אליקים בעפאר מיר פערלאסען באבילאן אום נאך ארץ ישראל אויסצוואנדערן וועסטו נישט ווילינג זיין דיין טעכטעריל צו פערזארגען?

אליקים: יהודית׳ל געה ארוים.

זרובבל: אה ניין אים געגענטהייל! זי זאל דאביי זיין, און אויך איהרע איינווילינונג געבען צו דעם חתן וועלכען איך וויל איהר געבען.

אליקים: (אויסער זיך) וואס טהוט זיך מיט מיר?... דער גרויסער זרובבל קומט צו מיר אין מיין קבצנ׳ישער שטיעב מיט א חתן פאר מיין טעכטעריל? גאטעניו מיין פערשטאנד שטעהט מיר שטיל!

זרובבל: (לאכט) ווייל דער חתן איז מיין זוהן.

אליקים: (קוקט איהם אן פערוואונדערט) אה? !...

זרובבל: דאס הייסט מיין אדאפטיערטער זוהן, ער איז א יתום און איך בין דורך געוויסע אורזאכען פערפפליכטעט פאר איהם צו זארגען, און ביי איהם פאטערשטעלע צו פערטרעטען; הכלל זאג מיר אליקים ווילסט דו מיך האבען פאר א מחותן?

אליקים: (אויסשרייענד) געוואלד אויב איך וויל דעם בעריהמטען זרובבל פאר מיין מחותן? גיב מיר א שטעקען און זאג דער שטעקען זאל זיין דיין איידעם; וואס זאגסט דו טאכטער?

יהודית: (פרום וויינענדיג) אז א טאטע הייסט נעמען א שטעקען מוז מען נעמען א שטעקען.

זרובבל: אה ניין מיין קינד! עס איז וואהר איינען פאטער מוז מען

נֶעהָארְכֶען, אָבֶער אִין דִיעָזֶעם פַאל הֵייסְט עֶס „נִקְרָא לַנַּעֲרָה וְנִשְׁאֲלָה אֶת פִּיהָ” הַכְּלַל פְּרִיהֶער וִויל אִיךְ דִיר דֶעם חָתָן פָארְשְׁטֶעלֶען, אוּן דָאן הֶערֶען אוֹיבּ עֶר גֶעפֶעלְט דִיר (רופט) חָתָן דוֹמֶה לְמֶלֶךְ!

(אויפטריט ד ו ד ׳ ל).

יהודית: דָוִד׳ל?!...

דוד: יְהוּדִית?!.. (אומארמונג).

אליקים: (ערשטוינט) עֶר גָאר? בֶּן כַּסְפִּי׳ם ווהנְדֶל?

זרובבל: (טרויריג) אִיךְ הָאבּ אִיהם צוּם יָתוֹם גֶעמַאכְט אוּן עֶר אִיז אַצִּינְד קִינְד (נעמט אליקים׳ן געהען ביידע צו די קינדער לעגען די הענד און זעגנען זיי)

אליקים: זָאג נוּר דוּ שְׁקוּץ! גֶעהָסְטוּ אוֹיךְ מִיט אוּנְז קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?

דוד: אֲפִילוּ אִין דֶער מִדְבָּר, אֲפִילוּ אִין עֶק וֶועלְט, נוּר מִיט מֵיין יְהוּדִית׳ל

(אליקים זרובבל געהען שטיל רעדענד אב, דוד און יהודית׳ל קעהרען זיך צוריק אום אליקים אויך).

פערוואנדלונג.

(פרייער פלאטץ, אים הינטערגרונדע דער פראכט פונים טעמפעל פערגאלדעטע טהירען מיט שניטצעריי עפעקטפאָל בעלייכטעט, איבער די טהירען אויפגע- שריעבען „זה השער לד׳ צדיקים יבואו בו”, יודען, פרויען, קינדער, קאמעלען טהיילוויזע גאלדענע מיט געפעק, ד נ י א ל קומט ארויס פונים טעמפעל אין א טלית, א ל י ק י ם ד ו ד י ה ו ד י ת י ו ד ע ן אלע מיט ספרי תורות אין דער האנד ד נ י א ל זעגענט זיי, צום שלום ערשיינט ז ר ו ב ב ל פ א ל מ י ר א מיט פאהנען פאָן וויסער זיידע, מיט איין גאלדענען מגן דוד אין דער מיטע דאס ווארט צ י ו ן).

פ א ר ה א נ ג.

ענדע.

	K	h
בחורים, איין אַקטער, פון קאַצענעלזאָהן	—	45
נאָטט פון נקמה, ש. אַש	—	90
געבראָכענע הערצער, ז. ליבין	—	70
גליק'ס פערגעסענע, פינסקי	—	30
ד"ר אַלמאָסאַדאָ גאָלדפאַדען	—	60
דעקאַדענט איין-אַקטער, פון קאַצענעלזאָהן	—	45
דאָרא, שליפּערשטיין	—	60
דוד אין דער וויסטע, עפּעלבערג	—	60
דאס ברענענדע הויז	—	70
די גייסטער, איבסען	—	90
די פרוי פון ים „	1	—
דער דאָקטאָר, שלום עליכם	—	30
די יודען טשיריקאָוו	—	80
די וועבער, הויפּטמאַן	—	80
דער שדכן, עפּעלבערג	—	30
די ענונה, לערנער	—	70
דער הונגער, יושקעוויטש	—	70
די מוטער, שטיינבערג	—	70
דער גט, שלום עליכם	—	30
הערצאלע מיוחס, ריכטער	—	60
הדסה די חלוצה	—	70
ווילנער בעל הבית'ל ארנשטיין	1	20
זשידאָווקא, לערנער	—	60
זשאַן און מאַנדלענא, מירבא	—	70
חפני ופנחס, שאַרקאַנסקי	—	70
מאַטע מאַמעס צרות פון געבעל	—	50
ישיבה בחור, גאָרדאָן	—	70
יודישע אַקטערין אויף רייזע	—	45
כישוף-מאַכערין, גאָלדפאַדען	—	60
כל נדרי, שאַרקאַנסקי	—	70
לא תחמוד, גאָלדפאַדען	—	60
לעצטע חשמונאים וואָהלמאַן	—	70
מאָטי מלך דער סטאָליער דראַמע פון קאָרנבליט	—	70
משיח'ס צייטען, ש. אַש	—	90
משה חיים, ריכטער	—	60
מזל טוב, שלום עליכם	—	30
משיח'ס צייטען, גאָלדפאַדען	—	60
נאָבן שטריק, טשורני	—	45
עקידת יצחק גאָלדפאַדען	—	60
עתליהו, האָרוויטץ	—	50
עזריה גבור חיל	—	70
פאַמיליע צבי, פינסקי	—	40
צוועט און צושפּרייט, שלום עליכם	—	80
צווייטער המן, שמ"ר	—	70
קאָקעטטע דאַמען, שמ"ר	—	60
קעניג אחשורוש גאָלדפאַדען	—	60
קעניג הורדוס, לאַנדוי	—	70
קבצענזאָהן עט הונגערמאַנן	—	60
קוני לעמעל, גאָלדפאַדען	—	60
רעפּעטוציע, רייזען	—	20
שולמית, גאָלדפאַדען	—	60
שלום בית, ריכטער	—	60
שמענדריק, גאָלדפאַדען	—	40
שמע ישראל, דימאָוו	—	70
שבת קודש, פיינמאַן	—	70
שטן אין גן עדן	—	70

BUCHHANDLUNG AMKRAUT & FREUND, PRZEMYŚL.

אויסצוג פון אונזער הויפטקאטאלאג איבער

די נייעסטע זשארגאָן ליטעראטור

(פרייזע: קראָנען און העללער).

יובילעאום'ס אויסגאבע.

שלום עליכם'ס נייעסטע ווערקע	
צוויי בענדע	5 —
י. ל. פרץ'ס נייעסטע ווערקע	
צוויי בענדע	5 —
א. רייזען'ס נייעסטע ווערקע	
צוויי בענדע	6 —
שעקספּיר'ס שריפטען	
צוויי בענדע	5 —
שלום אש, יונגער	1 50
„ „ א שטעדטיל	1 80
„ „ מאָמענטען	—40
גראַטץ יודישע געשיכטע זשארגאָן נייע אויסגאבע	7.50
דינעזאָן'ס וועלט געשיכטע	
4 טייל	5 —
„ הערשעלע ראָמאַן	1 40
„ יאָסעלע „	1 40
„ אבן נגף „	2 40
פינסקי, זשארגאָן פרעמד	
ווערטערבוך	2 50
א. רייזען, קונסט און לעבען	
3 טייל	2 —
„ „ ליעדער פון לעבען	1 25
„ „ צייט ליעדער	—60
„ „ זשארגאָן גראַמאַטיק	1 —
„ „ חריסטאָמאַטיע זארגאָן	1 25

שלום עליכם'ס ווערקע
(אויסגאבע אין העפטען)

פונ'ם פריזיוו, מאָנאָלאָג	15 —
פעטער פיני מיט דער מומע רייזע	15 —
פישל דער מלמד	20 —
גימנאזיע	15 —
פערשפּיעלטער ל"ג בעומר	15 —
גרינס אויף שבועות	15 —
דאס טעפיל	15 —
באַשערט א אומגליק	15 —
האָדל (טויבי מילכיגער)	30 —
אנ'עצה	20 —
ביים דאָקטאר	15 —
א גרינגער תענית	15 —
געציל, אַ מעשה מיט נים	15 —
א מלך מיט צוויי מלכות	15 —
כפרות-שטרייק	15 —

שלום עליכם'ס נייע ביבליאָטעק.

פעסאלע דעם רבי'נס	15 —
פינף און זיעבציג טויזענד	45 —
אלמנה נומר 1	15 —
„ „ 2	15 —
„ „ 3	15 —
דער דייטש	15 —
א ווינרישנער בילעט	45 —
שמואליק	15 —
יוסף דער דזענטעלמאן	30 —
שפּרינצע	15 —
די יורשים	15 —
מיט'ן עטאַפּ	45 —

בעשטעללונגען ווערען געגען אַנגאבע רעסט נאכנאהמע, פינקטליך עקספעדיערט

אַמקרויט עט פריינד, בוכהאנדלונג, פשעמישל.